№ 113 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

21-סטער יאהרגאנג | 15 maja 1928 r. | דינסטאג, כ"ה אייר תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פעטריקאווער 13. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 37, פון אדמיניסטראציע 47

משתתפים הננו בצערו של נשיאנו הנכבד והחביב המנהל מר מיכאל ברנדשטטר במות עליו אביו הגדול זקן הסופרים העברים

מרדכי דוד ברנדשטטר ז"ל

יחד עם כל העם העברי הננו מבכים את האבדה הגדולה.

ועד חברת דורשי האוניברסיטה העברית בירושלים
סניף לודז.

Łódzkie Towarzystwo Elektryczne, Spółka Akcyjna,

zawiadamia pp. odbiorców prądu, że, stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 96 uprawnienia rządowego No. 12, ceny prądu, obowiązujące pp. odbiorców za miesiąc kwiecień 1928 roku, obliczone na dzień 7 maja roku bieżącego, wynoszą za jedną kilowatogodzinę:

dla światła 97,74 gr.
dla siły 36,20 „

z opustami, przewidzianemi w uprawnieniu rządowem.

W zależności od terminów zapłaty, oraz na zasadzie poszczególnych umów, udzielone będą opusty dodatkowe. 2339

פאהרט איהר אויף ערהאלונג געדענקט!

דאס איהר מוזט איינקויפען אייער קאסמעטיק
ווי: פּארפומען, זייפען, געזיכטס-קרעמען, פודער
נור אין די ביליגסטע קוועלע פון דער ערשטער קאנקורענץ-פּערפומעריע

S. BUCHWEITZ, PIOTRKOWSKA 22
Telefon Nr. 3-43

נור נאך היינט

איז צו זעהן אבצוגעבען א רעקורס געגען דעם בעזעלטען אומזאץ-שטייער, דערום אילט אייך צו נעהן מיט אייערע געקאזען-פלאטיזעטן אין ביורא „פאלאניא" אלעי 1 מאי 7 (פעסעדש-שולץ)
ווי די רעקורסען וועלן געשריבען אבגעסען און אמשולדיגען מיט גרויס ערפאלג.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז שבת ד. 12. מאי ה. י. (כ"ב אייר) געשטארבען אין דאמברא בײַ סורעק נ"ע

אליהו בר עקיבא קליידט ז"ל

אין עלטער פון 59 יאהר.

די לוי' איז דארט פארגעקומען געכטען מאנטאג, דעם 14-טען מאי
וועגען וואס עס מעלדען מיט די אין טיפען טרויער

הינטערבליבענע.

TEATR MIEJSKI
(Cegielniana 63)
pod dyr. BOL. GORCZYNSKIEGO

דאנערשטאג דעם 17-טען מאי ד. י. האלב 12 מארגענס קומט פאר
א פייערליכער שלום-אקט
פון די שילער און שילערינס פון דער אפערן-שולע פון פרוי

BRONISŁAWA OLECKA

עס בעטייליגען זיך די פרויען: W. Abramowiczowa, E. Bauerówna, W. Dutkiewiczówna, Z. Fleisnerowa. R. Goldblumowa, L. Jurdzinska, L. Polonska, F. Wyszewianska.
די הערען: J. Sommer, A. Stefanski, F. Wilkoszewski
בײַם קלאוויר: Dyrektor A. Türner i M. Gomółka
בילעטען פון 50 גר. ביז 3 זל. צו בעקומען בײַ דער קאסע פון טעאטער

נור נאך היינט

Dr. med. L. Pikielny
ספעציאל-ארצט פאר
נירען, בלאזע און הארן-קראנקהייטען
Nawrot 8, tel. 19-90
קבלת פון 4—7 אין אוונט.

Dr. M. Goldfarb
זאוואדזקא 18. טעלעפאן 51-89
הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעמט אן פון 9—12 פארמ. און 5—8 אבענד.
פאר אונבעמיטעלטע — פרייזען ערמעסיגט.

Dr. Różaner
ספעציאליסט פאר הויט-וענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען און דיאטערמיע
Dzielna 9 (Narutowicza) טעל. 28-98
פון 8—10, 5—8, פרויען 3—4.

Dr. med. E. Szereszewska
צעגיעלניאנא 66, טעלעפ. 65-45
קינדער-קראנקהייטען
נעהמט אן פון 8 — 9 פריה און פון 3 — 4 נאכמיטאג

Dr. Wołkowyski
זאכאדניא 57, טעל. 37-70
ספעציאל-ארצט פאר הויט-וענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.
עלעקטרא גאלוואניזאציע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
נעמט אן פון 1—2 און 4—8.

Dr. H. Bergson
ספעציאליסט פון פרויען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
נעמט אן איגנאצעוויטשא 16 (אנדזשעיעווסקא) טעל. 10-26
פון 5½ ביז 6½ נאכמיטאג.
אין לאגיעווניצע ברזעזינער 11 פון 8—4 נ"מ.

אומא-שולע פון
PRYLINSKI
Aleje Jerozolimskie 27
בילדעט אויס אמשנעלסטען, אמבעסטען און אמביליגסטען

Dr. P. Klinger
ספעצ.-ארצט פאר הויט-האר-און געשלעכטס-קראנקהייטען
היילט מיט קווארץ-לאמפען.
אנדזשעיא 2, טעל. 82-28.
נעמט אן טעגליך פון 1,30 ביז 2,30 פאר דאמען. און פון 6—8 נאכ. פאר מענער. זונטאג פון 10—12 פארמ.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02.
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציעל: פאר לונגען און הארץ-קראנקהייטען
בעסטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.
נעמט אן פון 4—6 נאכמ. 6928

Dr. Niewiażski
SIENKIEWICZA 34, tel. 59-40
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע
בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 5—8 אוונט. 306

טעגליך פאקען-ווצעניע
ווי אויך מיט שוויצערקאסטען
ST. FELCZER
B. JOSKOWICZ
פולנאצנא Północna 4 טעל. 41-86
נעמט אן טעגליך פון 8—11 פריה און פון 4—6 נאכם

Dr. med. A. Mazur
ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק.
ווי אויך שטים און שפראך-פעהלער
האט זיך איבערגעצויגען אויף
וסכאדניא 65
(אריינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01
נעמט אן פון 11½—12½ און פון 3—5 נאכם.

Inż. Maurycy Bornstein
Traugutta 9.
באַאַרביטס-בעטריב און בוי-ליימונג.

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט".

אײלט צום גליק

קומט קויפען א גליקליכען לאס
נאר אין די בעוואוסטע גליקליכע
קאלעקטור פון

ה. י. ליטמאן
לאדז,
פיעטריקאווער 32
(רוג צעגיעלניאנא)

אין וועלכע די גרעסטע געווינסען זענען ארויס
אויף די פאלגענדע נומערן
נעמליך די פרעמיע

87.801 — זל. 10.000	42.680 — זל. 300.000
42.615 — זל. 5.000	101.750 — זל. 50.000
12.082 — זל. 5.00	72.883 — זל. 50.000
58.714 — זל. 5.000	95.116 — זל. 50.000

און פיל אנדערע געווינסען.

די ציהונג פון די 1-טע קלאס 17-טע מלוכה-לאטעריע קומט פאר שוין דעם 19. און 21. מאי ה. י.

דער הויפט-געווינס איז 700.000 זל.

א קליינע איבערגעבליבענע צאהל לאזען זענען נאך צו פערקויפען. פראווינצער קענען איינצאהלען דורך פ. ק. א. קאנטא 63.802.

מיט אכטונג
Izrael Litman
Łódź, ul. Piotrkowska 32, tel. 44-72.
(róg Cegielnianej),

Dr. Z. Rakowski
ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען.
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7.
נעמט אויך אן אין לאסטשיט זאטרושטער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכם. 1086

הגמנסיה העברית „יבנה" בלודז

ביום ד' 16/5 ש.ז. בשעה 8.30 בערב יערך באולם הפילהרמוניה

נשף עברי גדול

ע"י הגב'

ד"ר מרים ברנשטין-כהן

מתל-אביב
בהשתתפות מר ס. פרידברג (כנר)

בפרוגרמה:
ישעיהו פרק ב' — שמחתי באומרים לי; ביאליק — שירי-עם; שלונסקי — הרכבת; למדן — מסדה; כהן: שירת הצפרדעים, שירי-ערב; שניאור — מעשיה; אדגר פו - ג'ינבל-לי; וילד — שולמית; ברוך — כל נדרי; ציטלין — אחרון: אלי ציון. אחרון — נעימה עברית ועוד ועוד.

על הפסנתר יפזם הפרופ. פיבישים.
כרטיסים במחיר מן 0.75—6 זהובים אפשר כבר להשיג בקופת ה„פילהרמוניה".

בעקאנטמאכונג.

דאס אמבולאטאריום בײַם יודישען ווילפסו-פעראיין משמרת החולים

איז טעטיג יעדען טאג פון 9—1 נאכמיטאג אין אייגענעם לאקאל אלעקסאנדראווסקא 6 ווי עס ערטיילען מעדיצינישע הילף דאקטוירים ספעציאליסטען.

בעמערקונג: דארט ווערט געאייפנט נייען זאקען.

די פערוואלטונג.

אפען א גאנץ יאהר
אין סריניצא—זדרוי טעל: 15
דער בעוואוסטער
פענסיאנאט שווארץ
עפפעהלט אויפ'ן זומער-סעזאן צימערן אטנגעארדענט מיט'ן נייעסטען קאמפארט. אויסגעצייכנעטע כשר'ע קיך. אויפ'ן פערלאנג דיעטעטישע קיך.

ליטווישע דעלעגאציע קומט מארגען קיין ווארשא.

בלוטיגע אנפאלען אויף יודען און דעמאקראטישע עלעמענטען אין בערלין.

ליטווישע דעלעגאציע קומט מארגען קיין ווארשא.

ווארשא. (טעלעפאניש) מארגען, מיטוואך קומט אן קיין ווארשא די ליטווישע דעלעגאציע צו די אונטערהאנדלונגען אין דער קאמיסיע פאר הירטשאפטליכע און קאמוניקאציע-ענינים. דער פרעזידענט פון דער פוילישער דעלעגאציע אצט זיין דירעקטאר מארגאחסקי, די פוילישע דעלעגאציע וועט ארויסטראגען א רייע פערשלאגען וועגען אנקניפען האנדעלס-באציהונגען, ווי למשל: קוילען-עקספארט און טעקסטיל-אויסארבייטונגען.

מיט דער ליטווישער דעלעגאציע קומט מיט קיין ווארשא א גרופע ליטווישע זשורנאליסטען.

אנטיסעמיטען באפאלען יודישע דורכגעהער אין בערלין.

בערלין, 14 מאי (יט"א) געשטערן אבענד זענען שטודענטען און פערשידענע שמאלע אנטיסעמיטישע באנדעס אויף די יודישע דורכגעהער. דערביי האבען זיי געשלאגען צומייסט יודישע גייער. און די יודישע געגענד איז געלאפען צוליב דעם געשטאנען א גאנצע די פאליציי האט די שטאלהעלמער פונאנדערגעטריבען.

• • •

די פוילישע טעלעגראפען-אגענטור האט אויך געמעלדעט וועגען שטאלהעלמער-געשיכטע פון ארגאנישע געשעהעניש און בערלין. און דער האונגער געשלאגען, אז טראגען פון גאס-בעוועגונגען שטאלהעלמער האבען און צווייטער ארויסגעגעבען אונטער 100 אנפאלען אויף מיטגלידער פון די דעמאקראטישע און פראגרעסיווע פארטייען. די פאליציי איז געקומען מיט שפעט און א לאנגע צייט נישט געקענט בארוהיגען די לאגע. די שטאלהעלמער האבען אויך נאך צו-שלאגען מיט שטעקענס דעם פאליציי-שעף.

געשלאסען די קאנפערענץ פון „על המשמר"

ווארשא (טעלעפאניש) די קאנפערענץ פון „על המשמר" האט זיך פערענדיגט מאנטאג פארנאכט: עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אויף צופאדערען די לייטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פוילען צו גרינדען אין חודש יולי א לאנד-צוזאמענפאהר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אויף וועלכען על המשמר וועט זיך באטייליגען, אז עס זאל נישט פערווערען א נייע לינקע, וועלכע זאל פערטרעטען אלע שטרעמונגען פון פוילישען יודענטום און ציוניזם.

די קאנפערענץ האט אויסגעוועהלט א ביורא, וואס וועט אנפיהרען מיט דער ארבייט פון על המשמר. אין ביורא זענען געוועהלט געווארען: יצחק גרינבוים, א. הארטגלאס, י. גרינוויצקי, א. פאדלישעווסקי, ד"ר סלומעל, ד"ר חיים ליפשיץ און אנטשי לאנדשטאט.

פ.פ.ס. ציהט צוריק די אונטערשריפטען פון א פראטעסט געגען די געשעהענישן אין 1. מאי.

ווארשא (טעלעפאניש) אויף דער געשטעריגער זיצונג פון ווארשעווער שטאט-ראט האט די פראקציע פון „פועלי ציון" ארויסגעבראכט א פארשלאג, אז דער שטאט-ראט זאל פראטעסטירען געגען די געשעהענישן אין 1 מאי און צו פערשטימען 20 טויזענד זל. פאר די געליטענע.

דער פארשלאג איז תחלת געווען אונטערשריבען פון א טייל ראטמענער פפ"ס. ווען דער פראיעקט יעדאך איז געקומען צור דעבאטע, אבער זיי האבען, אז ער געווען שטארק אין טעם און געווען זיינע חברים, די פראקציע פפ"ס אויף א באראטונג. נאך דער באראטונג האבען די פפ"ס ראטמענער צוריקגעצויגען זייערע אונטערשריפטען. דער פארשלאג פון פועלי ציון איז געווארען אפגעווארפען.

היינט א זיצונג פון סיים.

ווארשא (טעלעפאניש) היינט, דינסטאג קומט פאר א זיצונג פון סיים. דער ערשטער פונקט פון דער טאגס-ארדנונג איז די פראגע וועגען אויסגעבען דעם קאמיסיאנען דעקלאראציע.

די מעשה זאגורסקי

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע.

ווארשא (טעלעפאניש) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע פונם סיים איז באהאנדעלט געווארען דער בודזשעט פון קריגס-מיניסטעריום. דעפ. טראמפטשינסקי האט בייגעבראכט דער פון דער זאגורסקי געשיכטע וועלכע מען רעדט דעם טאג אויף זיין געוויינליך. מיטגלידער דזיעלאוועצקי און וועגען דער מעשה פון פערשוואונדענעם גענ. זאגורסקי.

דעפ. ליבערמאן (פפ"ס) האט אנגעוויזען, אז צוליב דעם, וואס דער בודזשעט פון קריגס-מיניסטעריום פערמאגט 40 פראצענט פון בודזשעט וועט ער שטימען פאר פערקלענערן די איינטיילונג אויף 100 מיליאן זל. ער לייגט פאר צו פערקלענערן די ארמעע אויף 150 טויזענט מאן און די דינסט זאל נאר דויערן 1 יאהר. דעפ. ראזמארין איז געווען דעם צוגרייטן בודזשעט פון קריגס-מיניסטעריום. ער האט ערקלערט אבער די פערהאנדלונגען פון דער ארמעע אונטער רעזשים, וועלכע האט גענומען די בערחטיגונגען און מיליטער צום בעסטען. די זעלבער באקלאגען זיך נישט און זיי פאקטען גוט עסען. וועגען מאנגער גענ. זאגאווסקי האט ער ענטפערט אויף די פארוואורפען.

מארשאל פילסודסקי פאהרט אפרוהען קיין סולעיובעק.

ווארשא. (טעלעפאניש) נעכטען נ. מ. האט דער מארשאל פילסודסקי אבגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן ווייס-פרעמיער בארטעל. ארום 2 נ. מ. האט מארשאל פילסודסקי געזאלט אפפאהרען קיין סולעיובעק אויף אטליכע טעג. צוליב'ן שלעכטען וועטער האט ער אבער די רייזע געמוזט אפלייגען. וואהרשיינליך וועט ער ערשט ארויספאהרען סוף וואך.

יודען, וואס האבען בעסוטען אויסצייכנונגען אין דריטען מאי.

ווארשא (טעלעפאניש) צווישען די וואס האבען באקומען אויסצייכנונגען דעם דריטען מאי געפונען זיך פאלגענדע יודען אין משומדים: דער מיטארבייטער פון „ראבאטניק" היינראנים כאהן (א משומד, וואס שרייבט אונטער פסעוו. יעראנימוס) האט בעקומען קאמאנדארסקרייץ, דער פאליציאנט - קרייץ האבען באקומען: ד"ר צונדאנו נאטאנזאהן, דער דירעקטאר פון ווארשאווער שטאטס-ראט מאוריצי מינצעל און דער באלעבאטישער יאקוב מארקאוויטש. דעם רוביער-קרייץ האט באקומען אדאלף פערצן.

2 באמבעס אין סאפיא

איינע פאר'ן הויז פון א יוד, א צווייטע פאר דער חילע פון א בולגאר.

סאפיא, 14 מאי (ספ.) היינט פריה האט אין סאפיא אויפגעריסען 2 באמבעס, איינע פאר'ן הויז פון א רייכען יודישען באנקיר און די צווייטע פאר דער חילע פון א רייכען בולגאר. צום גליק איז דער אויפרייס אין ביידע פאלען נישט געווען שווער און נישט געשטאטס קיין גרויסע שאדענס.

שרפה פון נאפט-קוואלען אין רומעניע.

3 ארבייטער פערברענט געווארען אויף קויל.

בוקארעסט. 14. מאי. (ספעצ. צום „ל. ט.".) עס איז אויסגעבראכען א שפעט אין די נאפט-קוואלען פון דער פירמע „טארצני". 18 נאפט-קוואלען זענען פערניכטעט געווארען. 3 ארבייטער זענען אומגעקומען אין די פלאמען. די היזקות בעטרעפען 1 מיליאן לעי.

פיל מענשליכע קרבנות אין מינסק פון א שטורם-ווינד.

מאסקווא, 14 מאי (יט"א) פון דעם שרעקליכען שטורם-ווינד, וואס האט געבושעוועט איבער מינסק זענען פארהאן אויך א געוויסע צאהל מענשליכע קרבנות. אז פיל ערשטער און אינ-פערענטעסען געווארען די טעלעפאנישע און טעלעגראפישע פערבינדונג. די גענויע צאהל קרבנות איז דערווייל נאך נישט געלונגען פעסטצושטעלען.

יוד. זעלנער היט מעז אין רומעניע געשיקט אויף א זיכערן טויט,

ערקלערט רומענישע אפיצירען.

פעטערסבורג, 14 מאי (יט"א) [illegible] א פראצעס געגען א יודישען זעלנער האבען רומענישע אפיצירען פערטיידיגט, אז בעת דער מלחמה האט די רומענישע מיליטער - ליידער געווען אויף ספעציעלע אפטיילונגען פון יודישע זעלנער, וועלכע האבען געדאפט צו שיקען דעם ריזיקע פון רומענישע מיליטער. די האבען אויך זיי 80 פראצענט פון זיי זענען גע'הרג'עט געווארען.

איטאליען זאל גאראנטירען די הלואה פאר א"י.

דאס איז דער צוועק פון מאנד'ס רייזע קיין רוים.

ירושלים, 14 מאי (יט"א) די דער פערשפרייטעט פון יט"א רעשווארטס זיך איז סער אלפרעד מאנד געפאהרען קיין רוים, כדי צו בעמיהען זיך בייער איטאליענישער רעגירונג, אז זי זאל גיבען איהר הסכמה און גאראנטירען צו דער געפלאנטער אינטערנאציאנאלער הלואה לטובת דעם ארץ ישראל אויפבוי. סער מאנד פון גרויס-ברוטאניע, פראנקרייך און דייטשלאנד.

אויפגעלעזט די רומענישע סטודענטען-פערבאנדען

צוליב זייערע לעצטע דעמאנסטראציעס.

בוקארעסט, 14 מאי (יט"א) די מיליטער פראקוראטור האט אויף דער אויפטרעטונג פון דער רומענישער אינסטרוקציע אויפגעלעזט די פערבאנדען פון די רומענישע סטודענטען, דאס איז געשעהן צוליב די לעצטע סטודענטען-אונרוהען. די רומענישע סטודענטען פאראייניגונגען האבען אבער ערקלערט, אז זיי וועלען זיך נישט אונטערווארפען די דאזיגע פערארדנונג.

ווידער אמאל די פראגע פון דער קאנצעסיע פון ים-המלח אין ענגלישען פארלאמענט.

לאנדאן, (י.ט.א) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט איז אין א רייהע אנפראגען צום קאלאניאל-מיניסטער וועגען פערשידענע זאכען אויך די פראגע פון דער קאנצעסיע אויף עקספלאטירען די רייכטימער פון ים-המלח. צח. אז. האט דער דעפוטאט סיר פרעדעריק האל געפרעגט דעם מיניסטער אמערי, צי עס וועט נישט געווען געמאכט צו געבען אארצוגאבע דעם בריטישען קאפיטאל (ווי בעקאנט, זענען די קאנדידאטען צו בעקומען די קאנצעסיע דער יורישער אינזש. נאוואמייסקי און מאיאר טולאך) ביים ערטיילען די קאנצעסיע. מיניסטער אמערי האט געענטפערט, אז דאס וואלט נאטירליך געווען שען, אבער צוליב די בעשטימונגען פון פעלקערבונד-מאנדאט קען מען נישט געבען בזוא דירעקטען פארצוג א געוויסער גרופע.

מרדכי דוד בראנדשטעטער

פון טארנאוו בעקומען מיר מעלדונג פון דעם ידיעה, אז געשטערן פרייטאג איז דארט געשטארבען אין עלטער פון 84 יאהר דער העברעאיש-יודישער שריפטשטעלער מרדכי דוד בראנדשטעטער.

דער פערשטארבענער האט געהערט צום גרויס אלטע העברעאישע שרייבער, וועלכער אין זיינע בעקאנטע מיט זיינע געלונגענע נאוועלען און שילדערונגען פון יודישען גאליציש לעבען, פון לעבען פון די חסידים און חסידים. ער האט אין זיין צייט געהאט א גרויסע השפעה אויף דעם אנטשריטאשקעשטען יודישען לעבען. בעוואנדערם שטארק איז געווען בראנדשטעטער'ס השפעה אויף די יודען אין גאליציען, פון וועלכען ער האט געשטאמט און וועמענס לעבען ער האט אין א פיינער הומאריסטישער פארם אונגעוויזען א פארט קונסטלערישע אפבילדונג געגעבען.

מרדכי דוד בראנדשטעטער איז געבוירן אין יאהר 1844 אין שטעטעלע בראנשבערג (גאליציען) אין א חסיד'ישער פאמיליע. בעקומענדיג א רעליגיעזע ערציהונג, מאכט ער אוועק די עלטערן חתונה צו 14 יאהר. בראנדשטעטער בעזעצט זיך דאן אין טארנאוו, וואו ער האט געוואוינט די עלטערן פון זיין פרוי, פון וועלכע ער איז געווען א'אויף קעסט. דארט האט דער יונגער בעהייזער תלמידים זיך אנגעשלאסען צו בעקענען מיט די משכילים פון שטעטעל און אלס רעזולטאט דערפון האט ער אנגעהויבען לערנען זיך נייע העברעאיש, יודיש און דייטשע ליטעראטור.

בראנדשטעטער'ס ערשטע שטיק האט געמאכט זיין יונגען אויפטרעטען פאר א סופר, האט האט אויהם נישט געשטערט ווייטער צו שטודירען מיט גרויס איינפלוס די אויפקלערערישע ליטעראטור. זיין ערשטער ארטיקעל איז אונזער יודישער ליטעראטור איז געווען א אויפערשטעהונג פון פיל-פאזיציאנען, די בעטישע פראשעט „צו האבען די יודען באמת געלערנט קרוב-מס'ן". זיינע ליטעראטורישע אונטערנעמונגען האט אבער בראנדשטעטער ערשט ארויסגעגעבען און זיינע נאוועלען, וועלכע האבען געמאכט אין זיין צייט א שטארקען רושם אויף די יודישע ליטעראטור קרייזען.

זיין „אליהו הנביא", און וועלכען עס איז געשילדערט געווארען דאס יודישע לעבען און גאליציען. דאס געהאט צום ערפאלג, און מאנו אויך אונטערגעווארפען אין פוילישער שפראך. בראנדשטעטער האט זיך צו יענער צייט בעקענט מיט פרץ סמאלענסקין (און יאהר 1869), וועלכער ער האט בעוואוסט מיט זיינע ארויסצוגעבען דעם ישראל „השחר" נאך דער ערשטער געלונגענער ערצעהלונג, זענען געקומען באלד א רייהע ארבעטען, וועלכע האבען ארויסגערופען בראנדשטעטער'ן אויף איינעם פון די חשובסטע ערטער און דער העברעאישער ליטעראטור פון יענער צייט. אזוי זענען ארוים „מרדכי קיסוביץ", „ראשית חכמה", „הנפלאות ומעיר זידעצוב", „צורר היהודים מעיר גרילוב", „מחיל אל חיל" און א רייהע אנדערע פון די דאזיגע נאוועלען און ערצעהלונגען זענען פיל איבערגעזעצט געווארען אויך אין אנדערע אייראפעאישע שפראכען.

נאכדעם ווי דער „השחר" האט אויפגעהערט צו ערשיינען, האט בראנדשטעטער מיטגעארבייט אין „המליץ", „השלח" און פיעלע אין אלע אנדערע העברעאישע צייטשריפטען, וואס זענען צו יענער צייט ערשינען. צווישען די פאפולערע זאכען, וואס בראנדשטעטער האט געשריבען אין דער דאזיגער צייט, זענען: „פעולת צדיק", „וכמו כן", „צדיקים בקלקלתם", „ר' אברהם בן נחום" און אנדערע.

אין יאהר 1890 זענען ארויסגעגעבען געווארען צוויי בענדער בראנדשטעטער ערצעהלונגען, און וועלכע ס'האבען זיך געפונען אין פראגע און פערענדיגען.

און אנדערע ערצעהלונגען פון מאנכע בעקאנטע פערזענליכקייטען פון דער אויפקלערונג-טקופה, וועלכע האבען געמאכט אויף דער יודישער געזעלשאפט א גרויסען איינדרוק.

דער פערשטארבענער האט בייז זיין טויט זיך בעגריפען מיט ליטעראטורישע אונטערנעמונגען און די לעצטע יאהרען האט ער בראנדשטעטער זיך בעשעפטיגט מיט דער שרייבען זיינע זכרונות און זיין א גאנצע ארבעטען וועלכע ער האט זיך אויך נישט געפונען א ביסעל איבערזעצט וועגען אויסגעזוכטע פערשיעדענע פעריאדען פון דעם לעבען.

דער זאהן פון פערשטארבענעם, די דעקטאר מ. [illegible] צו לאדזשער העבר. גימנאזיע, ה' מיכאל בראנדשטעטער, איז נעכטען באלד אין דער פריה ארויסגעפאהרען קיין טארנאוו צו דער לויה.

דער בעזוך פון גענ. גורעצקי אין לאדז.

וויזיטען און אויפנאהמען. — פרעזידיום פון מאגיסטראט רעפערירט וועגען די אינוועסטיציע-פלענער פון דער שטאט-פערוואלטונג. — היינט צוויי וויכטיגע סאנ-ערענצען מיט די פערטרעטער פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס.

(§) נעכטען 9 פריה איז דער פרעזעס פון דער „באנק פאר לאנדס-ווירטשאפט" גענעראל גורעצקי, און בעגלייטונג פון דירעקטאר פון דער צענטראלער לאדזשער אפטיילונג ה' מולער געקומען אין דער לאדזשער אפטיילונג פון דער באנק, וואו ער האט זיך אויפגעהאלטען דער דירע. גרעצער.

דערויף האט גענעראל גורעצקי בעזוכט דעם ווייטער ביורא, וואו ער האט זיך בעגלייטעט אויף אל. קאשטשושקא, דעם ישארא, דעם גענעראל טאלאקציעלעס מיט דעם שטאט פרעזידענט און דעם ביים דבר טומעגצער.

שפעטער האבען אבגעגעבען א וויזיט דעם גענעראל גורעצקי דער שטאט-פרעזידענט ווישניעווסקי און ווי-פרעזידענט ד"ר ווייליצקי. עס איז דאן אבגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ. דער שטאט פרעזידענט האט רעפערירט די פראגע וועגען דעם ארבייטער-דירות.

בויען ביליגע ארבייטער-דירות.

אויף וואס עס זענען נויטיג ביליגע קרעדיטען און אויסצובויען די סאציאלע.

ווייטער פרעזידענט ד"ר ווייליצקי האט רעפערירט די פראגע וועגען מאגנאל און שפיטעלער אין לאדז, וואו איז 374 אומבאוויינטער פלאצע אדער שפיטאל-בעטען. ד"ר ווייליצקי האט זיך אינטערעסירט דעם גענעראל גורעצקי, אז דער מאגיסטראט האט גרייט

אויסצובויען א גרויס שפיטאל

אויף 2000 בעטען, וואס דארף קאסטען 20 מיליאן זל. דערויף האט ד"ר ווייליצקי אנגעוויזען אויפ'ן מאגנאל פון א מאשינער-געבויידע און לאדז, און לאדזשער אינדוסטריע האט רעפערירט און נאך די שלעכטע פרייען אין לאדז.

ענטפער פון גענ. גורעצקי.

אין זיין ענטפער האט גענעראל גורעצקי ערקלערט, אז די „באנק פאר לאנדס-ווירטשאפט און בעשטעהענדע צו געבען" וואס מער קרעדיט די זעלבסט פערוואלטונגען. בעזונדערס פון דער לאדזשער וואוינונג-קאנסטרוקציע, וואו עס זענען דא מאנגעל אין ארבייטער. זייער די קרעדיט איז פיל אונזער פונקציע פון די איבריגע עלעמענטען וועלכע. עס איז אויך אונטער, אז פאר די באנק פאר לאנדס-ווירטשאפט בעזונדער זיך צו אנטייל נעמען דער לאדז. און רעגירונגס-בודזשעט געפינען זיך אבער א פאנד צוויי פון 3 מיליאן זל. אויף איינצוהאלטען דיא עשה ענטשידען פון דער פראצענט-מורידיגע בעלעכטע כאמעט די באנק פאר לאנדס-ווירטשאפט געגעבען בלויז 3 פראצ. דערפון זענען 1 מיליאן און 200 טויזענד זל. בעשטימט צו דעקען דעם אינטערעס פון דער פראצענט-מורידיגונג 1.4 די הלואות די זעלבסטפערוואלטונגען.

ס'ה דאס גענעראל גורעצקי ערקלערט, אז די באנק פאר לאנדס-ווירטשאפט וועט שטיצען די בעמיהונגען פון לאדזשער מאגיסטראט ביים רעאליזירען זיינע גרויסע פלענער.

• • •

דרי א זיינער און גענעראל גורעצקי אויף א קאנפערענץ אין לאדז, וואס מען וועט דאן אויך באשרייבען. מ' פוטצט אויסגעבען מיט א גאנצער בעריכט פאר יעדער איינצעלנער, און בעזונדער אין א צענטער, לויט דעם לאדזשער מאגנאל איז ממש נאך מיט ער וועט דאן מער מאכען מיט פאלגענדע קאנפערענצען.

קיין מאסקאווע.

וואו ער וועט בעזוכען די פארמאנג פון גענעראל גורעצקי פון לאדז.

היינט 2 וויכטיגע קאנפערענצען מיט'ן גענ. גורעצקי

(ג) אין צוזאמענהאנג מיט'ן בעזוך פון גענעראל גורעצקי אין לאדז, וועט היינט, 2 נאכמיטאג פארקומען אין זאל פון די טעקסטיל אינדוסטריע-פערבאנד (פעטריקאווער 74) א גרויסע קאנפערענץ מיט'ן אנטייל פון אלע פאר זעהר ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס.

אויף 8 א זייגער נאכמיטאג האט דער ווירטשאפט. צענטראל-פערבאנד א קאנפערענץ געהאט מיט די ווירטשאפטליכע אגענטען פון גאנץ לאנד.

צו ביידע קאנפערענצען זענען איינגעלאדענען געווארען די פארשטעהער פון ארגאניזאציעס, אזוי ווי א. א. ה. צי. דער קאנפערענץ זענען איינגעלאדענען געווארען אין די פרעסע-פערטרעטער.

רעטונגס-קאמיטעט פעראינטערעסירט זיך מיט דער לאגע פון די האנד-וועבער.

(ג) אין שייכות מיט דער ערנסטער לאגע פון טעקסטיל-ארבייטער פערטרוינט אינפערמאציע פון די האנד-וועבער אויף ארבעט האט דער פארזיצער פון רעטונגס קאמיטעט, סענ. בידזשינסקי, גענומען אויף זיך די איניציאטיוו צו איינבערופען די ראזעגע אקציע. מען אין אבגעהאלטען געווארען א ווצונג פון רעטונגס-קאמיטעט מיט די פארשטעהער פון טעקסטיל-פאבריקאנטען. דער קאמיטעט האט זיך פעראינטערעסירט צייטווייליג צום לעבען פון די האנד-וועבער, וואס ווילען זיך לאזען ארבעטען אויף קראפט.

לאדזשער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר געפינט זיך פון 6 ביז 7 אין אװענט.
ניט געשטעלטע מאנוסקריפטן װערן ניט צוריקגעשיקט.

"Lodzer Tageblatt", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אדרעס
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

דער לאנג-ערװארטעטער צירקולאר
און די ניט-דערװארטעטע אויפקלערונגען.

ענדליך איז ערשינען דער לאנג-ערװארטעטער צירקולאר װעגען די הנחות פון אומזאץ-שטייער.

מיר זענען שוין דערצו געװוינט, אז יעדעס יאהר, װען מען באלעסטעט דאס פובליקום מיט ריזיגע שטייערן, װעלכע בעדייטען פאר די שטייער-צאהלער, בפרט פאר די יודישע, א רואין, גיט מען ארויס א צירקולאר װעגען הנחות, כדי צו ראטעװען די צאהלער פון א מאטעריעלער קאטאסטראפע. אט דער דאזיגער פאקט אליין בעװייזט שוין, װי נויטיג עס איז די שטייער-רעפארם.

װי מיר האבען שוין בשעתו אויספיהרליך געמעלדעט, ענטהאלט דער לעצטער צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום צאה. אגד. א הנחה, לויט װעלכער די שטייער-צאהלער, װאס פיהרען ניט קיין האנדעלס-ביכער, דארפען ניט צאהלען די 1-פראצענטיגע סטאװקע פון אומזאץ-שטייער.

ביים ערלעדיגען די בקשות װעגען אנערקענען די דאזיגע הנחות האבען געװיסע שטייער-אמטען אזוי אינטערפרעטירט דעם צירקולאר, אז א רעכט צו געניסען פון דער הנחה האבען בלויז יענע אונטערנעמונגען, װאס פיהרען א הורט-געשעפט, ד. ה. אזעלכע, װאס האבען אויסגעקויפט פאטענטען פון דער ערשטער פושעמיסלאװער קאטעגאריע. עס דארף נאר ניט װערען אנגעװיזען, אז די דאזיגע אינטערפרעטאציע איז געװען א ניט-ריכטיגע, װייל פון דער הנחה קאנען געניסען אויפ'ן יסוד פון די האנדעלס-ביכער אויך די סוחרים, װעלכע האבען אויסגעקויפט פאטענטען פון דער צװייטער קאטעגאריע.

דער לעצטער צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום גיט פאקטיש אין דער הינזיכט די נויטיגע אויפקלערונגען. עס קענען דערום פון די דערמאנטע הנחות אויך געניסען יענע אונטערנעמונגען, װאס פיהרען אויסער הורט-געשעפטען אויך א דעטייל-האנדעל. אזוי ארום קאן אזא אונטערנעמונג געניסען פון דער איין-פראצענטיגער סטאװקע פון יענעם טייל פון אומזאץ, װעלכער פאלט אויס אויף די הורט-טראנזאקציעס. די שאצונג-קאמיסיע דארף ערשט פעסטשטעלען די סומע, אויף װעלכער די הנחה איז חל.

לײדער ענטהאלט ניט דער לעצטער צירקולאר, אויסער דער איי- נער, קיין שום אויפקלערונגען. עס איז א רײה אנדערע װיכטיגע פראגען. בפרט דארף דאס פינאנץ-מיניסטעריום קלאר-מאכען, אז די שטייער-מאכט דארף די הנחה אנװענדען אין י ע ד ע ן פ א ל, אויב דער שטייער-צאהלער מעג זיך בעװייזען, אז ער האט געפיהרט א הורט-געשעפט.

די בעהארעניסע פון פאר-לעצטען אקולניס פון פינאנץ-מיניסטעריום פון 14. מערץ ה. י., אז די הנחות דארפען װערען אנגעװענדעט אין פאל, װען עס װערט בעדראהט די עקאנאמישע עקזיסטענץ פון שטייער-צאהל, װייל די שטייער-אויסמעסטונג שטעהט, לויט דער מיינונג פון די לייטער פון דער שטייער-מאכט, ניט אין קיין שום פארגלייך מיט דעם דערגרייכטען אומזאץ, האבען דערצו געפיהרט, אז א טייל פון דער שטייער-מאכט האבען אנגעװענדעט די הנחה-סטאװקע בלויז אין אזעלכע פאלען, װען מען האט ביים שטייער-צאהלער אפילו אויפ'ן װעג פון אנ'עקזעקוציע ניט געקאנט ארויסבעקומען קיין גראשען.

עס איז דערום נויטיג, אז דאס פינאנץ-מיניסטעריום זאל אויך אויפ- קלערען דעם דאזיגען ענין, װייל לויט'ן לעצטען צירקולאר, דאכט זיך, אז מען מיינט דא ניט בלויז יענע שטייער-צאהלער, װאס פערמאגען שוין ניט קיין גראשען, נאר די װעלכע פיהרען ניט קיין האנדעלס-ביכער.

מ. א.

יונגער יודישער קאמפאזיטאר איז אנטװערפען
געשאפען סימפאנישע װאריאציעס אויף דעם ניגון פון "התקוה".

אנטװערפען. (י. ט. א) דער היי- געל יודישער מוזיק-פעראיין האט געגעבען א סימפאנישען קאנצערט אין אנטװערפען און בריסעל, װעלכער האט אין דער היי- גער מוזיקאלישער װעלט געמאכט א גרויסען רושם.

עס איז צום ערשטען מאל אויסגעפיהרט געװארען א גרעסער װערק פון דעם 28. יעהריגען יודישען קאמפאזיטאר דוד שטערנפעלד אונטער דעם טיטעל "סימפא- נישע װאריאציעס אויף דער טעמע "התקוה"".

דער קאנצערט איז אויך איבערגעגעבען געװארען דורך דער בריסעלער ראדיא- סטאנציע און די גאנצע בעלגישע פרעסע האט געװידמעט גרעסערע אבהאנדלונגען און רעצענזיעס דער נייער שאפונג אויף דעם געביט פון דער יודישער מוזיק.

װיכטיג פאר פריזיערס!

סעלניש בלומען-װאסערן	נור 3.50	א קילא
װעזשעטאל	פון 1.60	"
פיקסין-װייה צום ראזירען	" 7.60	"
בריליאנטין	" 3.50	"
פראנצויזישער לאקיר	" 45	גראשען א דעקע

איך בעזיץ אויך א רייכען אויסװאהל פון פלאטין און שטאהל-זאכען
אלעס צו פאבריקס-פרייזען. מיט אכטונג פערפומעריע
J. DRUKIER, Zawadzka 11.
נעמ.: פאר ענגראסיסטען—געהעריגער ראבאט און גינסטיגע בעדינגונגען.

יודישע נייעס.

די יודען אלס מוסטער פאר ענגלענדער.

מעלבורן. (י.ט.א.) דער מעלבור- נער דעפוטאט פון דער ליבאר-פארטיי ד"ר ה. מאלאני האט בעת זיין רעדע אין אויסטראלישען פארלאמענט אין דער נײער הויפט-שטאט קאנבערא זיך בעקלאגט, דאס די רעגירונג פארמעט ניט געהעריגע אויפמערקזאמקייט פאר די בעדערפעניסען פון די בריטישע אי- מיגראנטען. דעפ. מאלאני האט דערביי שטארק געלויבט די טעטיגקייט פון די יודישע בירגער לטובת די אימיגראנטען פון זייער ראסע און האט ערקלערט, אז דער אופן, װי אזוי די יודישע געמיינ- דעס זארגען פאר די יודישע אימיגראנ- טען און ארבייטסלאזע, דארף דינען אלס מוסטער פאר די אויסטראלישע רעגי- רונגס-ארגאנען ביים לעזען די פראגע פון די בריטישע אימיגראנטען און ארבייטסלאזע.

די פראדוקציע פון קעז אין די יודישע קאלאניעס אין ארגענטינע.

פאריז. (י.ט.א.) אין איינער פון די י.ק.א.-קאלאניעס אין ארגענטינע "נארציס לעװען" איז געגרינדעט געװא- רען א קאאפעראטיװ פאר קעז-פראדוק- ציע. די מילך-װירטשאפט איז בעשטימט צו שפילען א גרויסע ראלע אין דעם עקאנאמישען לעבען פון די יודישע קא- לאניסטען. די מילך-װירטשאפט איז גע- גרינדעט געװארען מיט דער הילף פון ספעציעלע מיטלען, װאס זענען בעשטימט געװארען צו דעם צװעק דורך דער י.ק.א. און געפינט זיך אונטער דער השגחה פון די י.ק.א.-אגראנאמען. פארי- לויפיג װערען פראדוצירט נאר איינציגע סארטען קעז, װאס האבען א גרויסען אבזאץ אין די שכונה'דיגע שטעט. אין קורצען װעט מען צוטרעטען אויך צו פראדוקציע פון אנדערע מילך-פראדוק- טען.

№ 10
פרעמיע-קופאן
פון "לאדזשער טאגעבלאט"

עדער, װאס שטעלט צו 30 אזעל- כע קופאנען אין אונזער אדמי- ניסטראציע, קריגט אלע װערק פון מענדעלי מוכר ספרים װאס קאסטען חבֿר 80 זל. ה"ה פאר 25 זל. אויסצוצאהלען אין װעכענטליכע ראטעס צו 5 זל.

דער געהיימניספולער פלאנטער אויפ'ן סענסאציאנ. מארד-פראצעס אין פראג.

(א בריף פון פראג, ספעציעל פאר'ן "לאדזשער טאגעבלאט") — פון י. פינקעלשטיין.

דער סענסאציאנעלער פראצעס אין פראג ציהט בסדר די אויפמערקזאמקייט פון דעם גאנצען אייראפא צוליב דעם, װאס אויף דער בעשולדיגטער-באנק זי- צען דריי אנגעזעהענע און פאפולערע טשעכישע זשורנאליסטען, װעלכע װערען בעשולדיגט אין ערמארדען די אמערי- קאנערין מארגיט הערעסמערטי צוליב רויב-צװעקען.

דער פראצעס װערט פון טאג צו טאג אלץ מעהר פערװיקעלט. ס'האבען זיך געבילדעט צװישען די בעשולדיגטע צװיי צדדים, װעלכע װארפען פאר איינע די צװייטע די שולד. שיקארסקי, למשל, איז מודה, אז ער האט גענומען א פאסיװען אנטייל אין הריגה, אבער דעם מארד גופא, טענה'ט ער, האבען אויסגעפיהרט מיכאלקא און ד"ר קלע- פעטארזש. די לעצטע צװיי לייקענען אבער שטרענג און װארפען די גאנצע שולד אויף שיקארסקי'ן. דערביי זענען זיי אבער שטארק סותר זיך אין זייערע ערקלערונגען. בעת מיכאלקא טענה'ט, אז ער איז געװען אנװעזענד ביי דער הריגה, װי שיקארסקי האט ערמארדעט די אמעריקאנערין און ד"ר קלעפעטארזש איז אויך דארט געװען, זאגט דער לעצטער, אז ער איז גאר בכלל נישט געװען אין די שעהן, און ער איז דעריבער גאר די נשמה שולדיג.

דער דריטער טאג פון פראצעס איז געװען געװידמעט אויסשליסליך די ער- קלערונגען פון הויפט-בעשולדיגטען, מיכאלקא.

דער עלעגאנט געקליידעטער און שטענדיג לוסטיגער מיכאלקא האלט זיך זעהר פריי אין דער גאנצער פראצעס זעהט אויס ביי איהם, װי א שפילכעל, װי עפעס א קאמעדיע, אויף װעלכער ער שפילט א גאנץ אנגעזעהענע, אבער לוסטיגע ראל. ער ערקלערט, אז זיין תאװה מיט מארגיט הערעסמערטי איז געװען אנ'איינפאל פון שיקארסקי'ן און אז זי איז איינגעארדענט געװארען נאר לשם "װיסענשאפטליכע צװעקען", ד. ה. כדי איבערצייגען זיך אין די היפנאטי- זיסטישע פעהיגקייטען פון ד"ר קלע- פעטארזש.

דעם מארד גופא שילדערט מיכאלקא אויף פאלגענדען אופן: מארגיט איז גע- װען מיר, און מיר האבען דעריבער בע- שלאסען זיך צו בעפרייען. מיר האבען זיך אהערגעזעצט און איך האב גענומען לייענען א צײטונג. אינצװישען האבען שיקארסקי מיט מארגיט'ן זיך גענומען קריגען. מארגיט האט געגעבען שיקאר- סקי'ן א קלאפ מיט'ן שטעקען, װאס זי האט געהאלטען אין האנד. שיקארסקי איז דאן געװארען שרעקליך אין כעס און ער האט איהר געגעבען א האסטיגען קלאפ מיט א שטעקען אין שטערן. דער דאזיגער קלאפ איז געװען אזוי שטארק, אז זי איז תיכף געשטארבען.

די אדװאקאטען פון די בעשולדיגטע קאנפראנטאציע צװישען שיקארסקי'ן און מיכאלקא'ן האט ניט געבראכט קיין שום רעזולטאט, מחמת איינער האט דעם צװייטען אנגע- רופען ליגנער...

מיכאלקא װערט דאן גענומען אונטער א קרייץ-פארהער, ער בעהאלט זיך אבער אזוי רוהיג און זיכער, אז ס'איז איהם שװער צו כאפען. אין א געװיסען מאמענט האט מען איהם אבער געכאפט אויף א סתירה און דער דאזיגער מאמענט װעט זיכער שפילען א בעדייטענדע ראל אין װייטערדיגען גאנג פון פראצעס. די סתירה בעשטעהט דערין, װאס אויף דער פראגע: צי ער האט געזעהן, װי שיקאר- סקי האט א קלאפ געגעבען מארגיט'ן, האט ער געענטפערט: יא.

— ס'איז געגאנגען בלוט?

— יא, ניין... יא, פון דער נאז.

— און אנדערשװאו איז נישט געװען קיין בלוט?

— ניין, א חוץ פון דער נאז איז קיין בלוט נישט געגאנגען.

אויף דער פראגע אבער פון עקספערט ד"ר קנאבלאך, צי ער האט געזעהן, אויף װעלכען ארט שיקארסקי האט איהר א קלאפ געטון מיט'ן שטעקען, האט מיכאלקא געענטפערט, אז געזען, װאו דער קלאפ איז געגעבען געװארען, װייס ער נישט, אבער חוית די לינקע שלייף איז געװען פערבלוטיגט, פערשטעהט ער, אז אויפ'ן דאזיגען ארט האט זי בעקומען דעם קלאפ.

די דאזיגע ערקלערונג האט ארויס- גערופען א געהעריגע סענסאציע, מחמת מיט אייניגע מינוט צוריק האט ער ער- קלערט, אז בלוט איז געגאנגען נאר פון דער נאז. מיכאלקא האט תיכף איינגע- זעהן זיין פעהלער און ער הויבט זיך אן צו פערלירען. אויף קיין װייטערדיגע סתירות געלונגען איהם אבער נישט צו כאפען.

דער פירטער טאג פון פראצעס, בעת װעלכען ס'זענען אויסגעהערט געװארען א רייה עדות, איז געװען זעהר נישט קיין גינסטיגער פאר מיכאלקא'ן.

די ערשטע װערט אויסגעהערט די אלטע 60-יעהריגע מוטער פון דער ער- מארדעטער, װעמענס עדות-זאגען ס'איז זעהר גינסטיג פאר שיקארסקי'ן, דאגעגען שטארק בעלאסטענד פאר מיכאלקא'ן.

װען מיכאלקא פרובט דעם עדות שטעלען פראגען, שרייט זי אויס מיט כרפהרען אין די אויגען:

— דו געמיינער אויפהאלטער! דו האסט ערמארדעט מיין טעכטער! צי האסט גישט קיין מורא פאר גאט?!

מעהר א ריהרענדע סצענע איז פאר- געקומען, װען ס'האט ארײנגעברענגט אין געריכטס-זאל פערשידענע קופערט, אין װעלכע ס'געפינען זיך קליידער, בױשוטעריע און די האר פון דער ער- מארדעטער. דער פארזיצענדער פרעגט די מוטער, צי זי געדענקט די האר פון איהר טעכטער. די מוטער נעהמט די האר אין האנד, בעדעקט די מיט קושען און רופט אויס מיט טרערען אין די אויגען:

— יא, דאס זענען די האר פון מיין טייער קינד.

נאכדעם בײלט זי די פויסטען און, װענדענדיג זיך צו מיכאלקא'ן, רופט זי אויס:

— כ'שװער ביי גאט, אז דו האסט ערמארדעט מיין קינד. גאט װעט דיך בעשטראפען...

אין זאל הערשט אנ'אויפגערעגטע שטימונג. שיקארסקי הויבט אן חלש'ן, ד"ר קלעפעטארזש הויבט אן צו ציטערן מיט'ן גאנצען קערפער. בלויז מיכאלקא װייזט א רוהיגער און זאגט צו דער מוטער:

— כ'בעדויער אייך, פרוי הערעס- מערטי.

— בעדויערט מיך נישט — שרייט אויס די אלטיטשקע — כ'דארף נישט אייער מיטגעפיהל!

שפעטער װערען פארגעלייענט די ליבעס-בריף, װעלכע מיכאלקא האט גע- שיקט צו מארגיט הערעסמערטי א פאר טאג פאר דער ערמארדונג. אין די דא- זיגע בריף שרייבט מיכאלקא: "כ'טרעף בסדר פון דיר, דו פעהלסט מיר שטארק, מיין ליבע".

מ'האט אויך פארגעלעזען די בריף, װעלכע מיכאלקא האט געשריבען פון פאריז צו דער מוטער פון דער ערמאר- דעטער, אין װעלכע ער האט זיך אויף א קינדליכען אופן נאכגעמאכט די האנד- שריפט פון מארגיט'ן. אין די דאזיגע בריף דערצעהלט מארגיט די מוטער, װי גוט זי פיהלט זיך אין פאריז און װי מען איהר מאן מ'כאלקא בעהאנדעלט זי. דאס איז געשריבען געװארען א פאר װאכען נאכ'ן מארד...

דער פארזיצענדער פרעגט דאן מי- כאלקא'ן:

— צו װאס האט איהר געשריבען אזעלכע בריף.

— דאס האט מיך געבעטען שיקאר- סקי — ענטפערט ער רוהיג.

— צי װעט איהר זיך אפשר פארט מודה זיין? — פרעגט דאן מיכאלקא'ן דער פראקורער.

— אין װאס זאל איך זיך מודה זיין?

— מאכט מיכאלקא א תנועה מיט אקסעל.

— אין אויספיהרען דעם מארד.

מיכאלקא שפרינגט דאן אויף, װי אנ'אפגעבריהטער:

— מיין הער, כ'בעט מיך נישט צו בעליידיגען.

דערויף קומט פאר דער װייטערדיגער פערהער פון די עדות, װעלכע פאלען אלע אויס נישט גינסטיג פאר מיכאלקא'ן.

נאך דער ערשטער װאך פון פראצעס איז דער ענין, ארום מארד געװארען נאך פערװיקעלטער, און דאס מאכט דעם װייטערדיגען גאנג פון פראצעס שפאנענדער און אינטערעסאנטער.

—=0=—

די ענטװיקלונג פון דער מילך-װירטשאפט אין די יודישע קאלאניעס אין טאװ-רובלאנד.

פאריז. (י.ט.א.) די י. ק. א. האט פערעפענטליכט די סומען, װאס זענען גע- װען בעשטימט פאר דער ענטװיקלונג פון דער מילך-װירטשאפט אין די אלטע יודישע קאלאניעס אין ריסלאנד אין די קרייזען פון כערסאן און יעקאטערינאס- לאװ. עס האנדעלט זיך הויפטזעכליך װעגען דער פראדוקציע פון קעז. די קרעדיטען פאר די מילך-װירטשאפט קאאפעראטיװען װערען ערטײלט דורך דער י.ק.א. אויף א טערמין פון 5 יאהר צײט. א דאנק דעם װעלען די קאלאניס- טען האבען די מעגליכקייט צו פערגרע- סערען זייערע איינקונפטען פון דעם מילך-װירטשאפט און איינפיהרען פער- שידענע פערבעסערונגען אין דעם דא- זיגען פראדוקציע-געביט.

לאפוכין און דער קישינעװער פאגראם.

פון ה. סליאזבערג.

די רעזולטאטען פון קישענעװער פאגראם האבען איבערגעשטיגען פלע- װעס אויסרעכענונגען, און דאס בלוט פון 49 חרובים-יודען האט געשריגען צו דער גאנצער ציװיליזירטער װעלט. די שװי- דערליכקייטען און דעם פאגראם זענען בעקאנט געװארען אין אייראפא און אין אמעריקא און האבען ארויסגערופען אומעטום גרויס צארן. דער טױזנט-קע- פיגער מיטינג, װאס איז פארגעקומען אין לאנדאן אונטערן פארזיץ פון לארד-מעיר, די פראטעסט-מיטינגען אין ניו-יארק הא- בען בעװיזען פלעהװען, אז ער איז צו הייס פארגעגאנגען.

אלס דירעקטאר פון פאליציי-דעפאר- טאמענט איז ניט לאנג פארן פאגראם בעשטימט געװארען לאפוכין. ביז דער צייט איז ער געװען פראקוראר פון דער געריכטס-פאלאטע פון כארקאװ און האט זיך אויסגעצייכענט אין דער צייט װען מען האט דורכגעפיהרט די אגרארן-אומרוי- הען אין דער גובערניע. לאפוכין האט געהאט א רעפוטאציע פון אנ'ערליכען מענשען און אנ'ענערגישען פערטרעטער פון געזעצליכקייט; אנ'אריסטאקראט פון דער משפחה, װעלכע האט פער- מאגט א לאנגע טראדיציע פון דינען דער רעגירונג. דאס בעשטימען איהם אלס דירעקטאר פון פאליציי-דעפארטא- מענט, װאו געזעצליכקייט האט פערנו- מען אזא קליינעם ארט, האט אלעמען איבערראשט. שפעטער האט לאפוכין אליין דערקלערט זיין בעשטימונג דער- מיט, װאס פלעהװע האט איהם געברויכט, אז ער איז אויסען איינצופיהרען גע- זעצליכקייט אין דעם דעפארטאמענט. קיינער האט נישט געקענט חושד זיין לאפוכינען אין בעטייליגען זיך אין אר- גאניזירען פאגראמען, אדער אפילו אין דעם, אז ער זאל אזא זאך דערלאזען, און אויב לעהנעדעט האט ארגאניזירט דעם פאגראם, האט ער געהאנדעלט לויט אנװייזונגען, װעלכע האבען נישט גע- קאנט קומען פון לאפוכינען.

װי ס'האט זיך ארויסגעװיזען שפעטער אין יאהר 1906, װען גראף װיטע האט זיך בעקאנט מיט דער טעטיגקייט פון דער געהיימער אפטיילונג פון דעפאר- טאמענט, װאס האט זיך פערנומען מיט'ן ארגאניזירען פאגראמען און האט גע- דרוקט אין זיין אייגענער דרוקעריי פא- גראם-אויפרופען, האבען די ארגאני- זאציאנען געקראגען פעראָרדנונגען מחוץ דעם דירעקטאר פון דעפארטא- מענט.

לויט פלעהװעס פעראָרדנונג איז לאפו- כין קורץ נאכ'ן פאגראם געשיקט געװא- רען אין קעשעניעװ כדי אויספארשען איהם. און דערנאך איז פערעפענטליכט געװארען לאפוכינס בעריכט װעגען דעם װאס ער האט אויסגעפונען ביי דער- אויספארשונג.

דער פערעפענטליכטער בעריכט האט פערשטענדליך נישט ענטהאלטען קיין בעװייזען װעגען דער שולד פון די בע- אמטע אין דערלאזען דעם פאגראם, װע- גען דער פאסיװיטעט פון דער מאכט. דער פאגראם איז כלומרשט געװען א נאטירליכער רעזולטאט פון דער אנטי- סעמיטישער אגיטאציע, װעלכע האט זיך בערעכטיגט צוליב די רעװאלוציאנערע שטרעבונגען פון דער יודישער יוגענט, צוליב דער עקאנאמישער ראלע פון די יודען אין בעסאראביע און אזוי װײטער. מענשען, װעלכע האבען געקענט לאפו- כינען, האבען נישט געקענט שלום מא- כען מיט'ן געדאנק, אז פון לאפוכינס שטאמט א דאקומענט, װאס שטימט אזוי װייניג מיט'ן אמת און ער פיהרט ממש צו בעהאלטען דאס, װאס איז װירקליך פארגעקומען.

אין דער לאנדאנער "טיימס" איז ער- שינען א טעקסט פון א טעלעגראמע, װאס איז ארויסגעשיקט געװארען פארן פא- גראם צום בעסאראבער גובערנאטאר און איז געשריבען פון פלעהװען. די טעלע- גראמע האט געצויגען אויף זיך אויפ- מערקזאמקייט פון דער גאנצער װעלט. אין דער טעלעגראמע איז געזאגט גע- װארען, אז צוליב די פערשפרייטע קלאנ- גען װעגען א פערשטעהענדיגען פאגראם, װערט דעם גובערנאטאר פארגעשריבען ענטשלאסענע מיטלען אפצוהיטען די רוה און ארדנונג, אבער גלייכצייטיג דארף ער נישט אנװענדען קיין שטרענגע מיט- לען און בעװאפענטע מיליטער ענטקעגען די פאגראמטשיקעס, כדי נישט צו דער- צארנען די בעפעלקערונג, װאס איז אויפגערעגט אויף די יודען.

די אויפפיהרונג פון דעם גובערנא- טאר אין קישינעװ האט פולשטענדיג געשטימט מיט דער אנװייזונג, װאס איז געקומען פון מיניסטער.

פלעהװע האט פערלייקענט דעם אמת פון דער טעלעגראמע, זיך שטיצענדיג דערויף, װאס אזא נומער, װאס איז אנגעגעבען אין דער קארעספאנדענץ פון דער לאנדאנער "טיימס", זענען קיינמאל קיין טעלעגראמע נישט גע- שיקט געװארען דורכ'ן מיניסטעריום.

װען נאך דער רעװאלוציע פון 1917 איז מעגליך געװארען דער צוטריט צו די געהיימע ארכיװען פון דעפארטא- מענט, זענען די געהיימע דאקומענטען װעגען קעשעניעװער פאגראם פערעפענט- ליכט געװארען דורך די באלשעװיקעס.

(דאס װײטערע קומט)

לאדזער כראניק.

נאכט-דיזשורען אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: מ. עפשטיין, פעטריקאווער 225; מ. צארמאשעווסקי, פעטריקאווער 95; מ. ראזענבלום, צגיעלנא 12; נארפויז, חכבאגרניא 54; י. פאפראצקי, נאוואמיעיסקא 15.

באלוטער קצבים ביים ראבינאט.

זעכטען בעמאג איז געקומען אין ראבינאט אריין א דעלעגאציע פון באלוטער קצבים, וועלכע האבען ערקלערט, אז אויב דער ראבינאט וועט זיי נישט צוריקנעמען דעם איסור, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אויף די געמישטע יאטקעס, דראהט זיי איינגאנצען צו פערלירען די פרנסה.

דער ראבינאט האט געראטען דער קצבים-דעלעגאציע צו ווענדען זיך וועגען דער אנגעלעגענהייט שריפטליך צום ועד-הכשרות און צום ראבינאט.

פראצעס צווישען סטריקאווער רבי'ן מיט'ן סטריקאווער מאגיסטראט

קומט מארגען פאר צום צווייטען מאל.

צי וועט שוין איצט א סוף נעהמען צו דער אונערהערטער עוולה?

(—) די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט" ווייסען שוין וועגען דער גרויסער עוולה, וואס איז אפגעטון געווארען דעם סטריקאווער רבי'ן.

דעם רבינ'ס גרויס אהגען הויז, א מויער פון 13 צימערן מיט א בית-המדרש מיט א גארטען אין הויף, וואס איז קריגס-צייט געווען רעקווירירט, איז שפעטער פארנומען געווארען דורכ'ן סטריקאווער מאגיסטראט, וועלכער וויל דעם בנין עד היום נישט אפגעבען צוריק דעם רבי'ן, כאטש אלע קריגס-רעקוויזיציעס זיינען שוין פון לאנג בטל און דער רבי שטעהט אויס גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען, נישט האבענדיג קיין דירה.

אלע בעמיהונגען פון סטריקאווער רבי, מען זאל איהם אפגעבען זיין הויז, וואס איז בעת איהם דורכ'ן מאגיסטראט צוגענומען געווארען אויף אנ'אונערהערטען אופן, האבען נישט געהאט קיין פעולה. מחמת דעם האט דער רבי דעם ענין איבערגעגעבען אין געריכט. מיט איניגע חדשים צוריק איז דער פראצעס בעטראכט געווארען דורכ'ן לאדזער קרייז-געריכט, אבער אזוי, ווי דער אדוואקאט פון סטריקאווער מאגיסטראט האט געזעהן, אז זיין צד האלט שמאל, האט ער בעפאדערט ארויסצורופען עדות, און די פערהאנדלונג איז אפגעלעגט געווארען.

דערווייל איז דער אונערהערטער סקאנדאל בעהאלטען געווארען אין דער עפענטליכקייט און די געזעלשאפטליכע קרייזען אין סטריקאוו האבען געגומען שפורעמען, הלמאי דער מאגיסטראט וויל נישט אויסגלייכען זיך מיט'ן רבי'ן און נאכקומען זיינע גערעכטע פאדערונגען.

מיט איניגע וואכען צוריק איז אין סטריקאווער שטאט-ראט בעטראכט געווארען די פראגע און עס איז געבליבען, מען זאל פערלעגען דעם רבי'ן 2.500 זל. א יאהר דירה-געלד פאר'ן פערנעהמען זיין בנין אין די פערגאנגענע יאהרען א סומע, וואס איז א העלפט פונ'ם ריכטיגען ווערט, אבער אויך דעם דאזיגען בעשלוס האט דער מאגיסטראט נישט אויסגעפיהרט — ביז היינטיגען טאג האט זיך צום רבי'ן קיינער מיט קיין שום אויסגלייך-פארשלאג נישט געווענדעט.

מארגען, מיטוואך, וועט, אלזא, דער דאזיגער פראצעס נאכאמאל בעטראכט ווערען אין לאדזער קרייז-געריכט.

די יודישע געזעלשאפטליכע קרייזען אין סטריקאוו דארפען זעהן צו ווירקען אויפ'ן מאגיסטראט, ער זאל מעהר נישט פערשלעפען דעם פראצעס אין דער אונענדליכקייט און א סוף צו מאכען צו דער דאזיגער געשיכטע, וואס פערשאפט נישט קיין כבוד נישט דעם מאגיסטראט, וואס האלט פרעמד אייגענטום אהן שום יושר, און נישט די עפענטליכע מיינונג, וואס דולדעט דאס.

—=0=—

פערד-מאנטראלעס.

היינט דארפען ברענגען צו פיהרען זייערע פערד אויפ'ן פלאץ עס נארוטאוויטש און מראמאטשאווא די פערד-בעזיצער, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7. קאמיסאריאט מיט די פאמיליען-נעמען פון A ביז J

פאר נישט צושטעלען די פערד צו די קאנטראלעס — א שטרענגע שטראף.

ד"ר מרים בערנשטיין כהן איז פילהארמאניע.

מיטוואך טרעט אויף אין פילהארמאניע מיט א קאנצערט די בעריהמטע קינסטלערין פון ארץ ישראל דר. מרים בערנשטיין קאהאן

די קינסטלערין וועט רעציטירען קאפיטלעך פון תנך, העברעאישע און אראבישע פאלקס-לידער און א רייה שאפונגען פון דער העברעאישער פאעזיע.

ד"ר מרים בערנשטיין כהן וואס האט זיך קונה שם געווען אלס ערסט-ראנגיגע קינסטלערין, וועט דא בעקומען אין גאנצען פערנעהם איהר ארטיסטיש דראמאטישען טאלאנט.

די אלע, וואס האבען די קינסטלערין נישט בעוויזען צו זעהן אין „תומר" וועלען איצט א דאנק „יבנה" האבען די מעגליכקייט זי צו זעהן אין פילהארמאניע.

ווער האט פערלוירען א פעקעל אויף פראנציסקאנער 56?

דורכגעהענדיג מיט א רעפארעק אויף פראנציסקאנער 56 האט געכאפט א יוד פערלוירען א פעקעל סחורה. דאס פעקעל האט ארייננענומען דער איינהאבער פון דער פראלניע וואס געפינט זיך אין זעלבען הויז. דעם פאקט האט בעמערקט דורכ'ן פאסטער בשיטאחסקי פון דער זעלבער גאס 59 ער האט שוין אבער נישט בעוויזען די רעספארקע אנצוזאגען. דער געליטענער דארף זיך דעריבער ווענדען אויף דער אנגעגעבענער אדרעס.

נייע פערוואלטונג פון טישלער-מייסטער-פעראיין.

די טעג. איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון טישלער-מייסטער-פעראיין, אויף וועלכער עס איז אויסגעקליבען געווארען א נייע פערוואלטונג. וואס האט זיך קאנסטיטואירט ווי פאלגענדס: פארזיצער — ה' כשאלסקי, וויצע — ל. קאלאמאנאוויטש, סעקרעטאר — מ. מערקעלמויב, קאסיר — ווייסבראט און דער פערוואלטונג: ה' ראזענצווייג, מ. קאפלאוויטש, ה. גאטמאן, וו. שמעדריא, ש. פוגער, ש. שווארצאווסקי, י. באערש-שטיין, פאנסקי, קאנדידאטען: קאפערמינץ, ה' שווארץ, לעמבערסקי, רעוויזיאנס-קאמיסיע: גאלאמבאווסקי, בראנשטיין, מ. פושלער. און דער שידות-קאמיסיע: פאנסקי, ווייסבראט, שווארצאווסקי, קאפלאוויטש.

פאבאר פון יאהרגאנג 1907

היינט, דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר-קאמיסיע 1 (פאמארסקא 18) די יונגעלייט פון יאהרגאנג 1907, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קאמיסאריאט און וואס זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט L פון Lew ביז Mal, Ł, M.

צו דער קאמיסיע נומער 2, אויף אגרעדאווא 34 דארפען זיך שטעלען די 1907-ער, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 4 קאמיסאריאט און וואס זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף L פון Lis, Ł, M, N, O.

צו דער קאמיסיע נומער 3 אויף זאקאטנא 82 דארפען זיך צושטעלען די יונגעלייט פון יאהרגאנג 1906, וואס האבען „אדראטשעניעס", וואוינען אויפ'ן שטח פון 9-טען קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף H, Ch, I, J, K, L, Ł, M, N, O, P R, S, T, U, W, Z, Ż.

צו די קאמיסיעס דארף מען זיך שטעלען פינקטליך 8 פריה. מ'יז מוז מיטנעמען א פאס אדער א צייגניש פון קאמיסאריאט וועגען דער אויטענטישקייט פון דער פערזאן, די „אדראטשעניעס" אדער רעגיסטראציע-קארטען פון מאגיסטראט.

פראטעסטען און באנקראטען צוליב הויכען אומזאץ-שטייער

אין דער מאנופאקטור-בראנזשע איז איצט דער סעזאן אין זיין הויך-פונקט. אבער קוים האט מען אנגעהויבען א ביסעל לעבען, האט זיך ווידער דאס וועטער געענדערט און דער סעזאן איז ווידער געפאלען. הויפטזעכליך ליידט מען איצט פאר זומער סחורות, אבער מ'ערט נישט אין אזא מאס, ווי פאר-א-יאהרען אין דער צייט.

צוליב דעם הויכען אומזאץ-שטייער האט דער קריזיס זיך נאך בעדייטענד פערשטארקט און די רעזולטאטען זענען זעהר טרויריגע. מעהרערע פירמעס אין לאדז, ווארשא און אנדערע שטעט געפינען זיך אין גרויסע צאהלונגס-שוועריגקייטען און טייל זענען איינגאנצען באנקראט.

מען זאגט, אז די שטייערן אין פוילען זענען נישט שארפער, ווי אין אויסלאנד. און לאמיר זעהן, ווי די זאך זעהט אויס אין אנדערע לענדער.

נישט לאנג צוריק האט דער ענגלישער פינאנץ-מיניסטער טשערטשיל פארגעשטעלט פאר'ן פארלאמענט דעם נייעם בודזשעט. דאס גרעסטע ארט פערנעמט דארט אזוי ווי בא אונז, דער הכנסה-שטייער. דער דאזיגער שטייער בעטרעפט דארט נישט וועניגער פון 20 פראצענט! און וואס עס איז נישט וועניגער וואונדערליך: נישט געקוקט אויף דעם דאזיגען הויכען שטייער נעמט די דארטיגע שטייער-צאהלער נישט אן קיין שום פראטעסטען. דאס לאזט זיך אבער ערקלערען דערמיט, וואס דער ענגלישער הכנסה-שטייער איז אויפגעבויט אויף א געזונטן יסוד. „פון הכנסה-שטייער איז באפרייט יעדער פאמיליען-מאנגליד, וואס פערדינט נישט מעהר פון 330 פונט יעהרליך. דערביי ווערט פאר יעדען קינד פון צאהלער צוגערעכענט ווייטערע 50 פונט אויב עמיצער האט פון אפרוי מיט 6 קינדער ווערט פון איהם דער דאזיגער שטייער נישט גענומען אויב ער פערדינט נאר 630 פונט יעהרליך". אזוי רעכענט זיך שטייער צאהלען און ענג-לאנד מיט די גבירים...

ביי אונז און פוילען איז עס הייאיאהר געווען פערקעהרט. וואס קלענער דער סוחר אלס א גרעסערן אומזאץ האט ער צו צאהלען. די רייכע סוחרים זענען געשעצט געווארען פון 30 ביז 300 פראצ. מעהר ווי פאר א יאהרען. די קלענערע סוחרים זענען פערשעצט געווארען מיט 1500 פראצ. מעהר ווי פאר א יאהרען.

ווער עס לעבט אין ווארשא אדער לאדז ווייסט נישט, ווי שווער עס איז די לאגע פון די קלענערע סוחרים אויף דער פראווינץ. די שטייער-עקזעקוציעס ווערען דא דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און האם ברענגט פיל סוחרים דערצו, אז זיי האבען מעהר קיין מעגליכקייט נישט ווייטער צו פיהרען זייערע געשעפטען. טייל זענען געצוואונגען צו ליקווידירען די געשעפטען, אנדערע ווערען צוליב דעם הויכען אומזאץ-שטייער געצוואונגען צו פראטעסטירען זייערע וועקסלען אדער איינגאנצען באנקראטירען.

* * *

עס איז דעריבער שוין די העכסטע צייט צו פראטעסטען וועגען שטייער-רע-פארמען, כדי אזוי געווענליך „קלענערע שטייער-רעפארם" קען דא ווייניג וואס העלפען. מיר איבער'חזר'ן דעריבער: דער צו-הויכער אומזאץ-שטייער מוז ווי אמגיכסטען געמאכט ווערען, אויב אונזער ווירטשאפט-לעבען זאל נישט נאך מעהר ליידען.

O. B.

—0—

פערגיפטעט פון גאז.

בעת עס איז נעכטען אין דער פריה געקומען אין דער וואוינונג פון דער פאמיליע ראבערט אויף פשעיאזד 49 דער מילך-טרעגער האט ער די טירען נישט ווי תמיד, געפונען פערשלאסען, ער איז ארויין דורך דעם פאדער איינגאנג און דא האט איהם א שלאג געטון אין דער נאז דער ריח פון גאז.

ער האט זיך אריינגעטירט אין דער לאנג און געמאלדען וועגען מאל די שכנים. מען איז ארויין אין צימער און דא האט מען געפונען די דינסט די 66 יעהריגע לואיזע חיין ליגען אהן בעוואוסטזיין. די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט איהר ערטיילט הילף.

דער הויז-ווירט ווייס,

אז זי איז נישט די אלמנה פון פערשטארבענעם, נור זיין סובלאקאטארקע.

פון די טראגיש-קאמישע עקסמיסיע-פראצעסען.

(ג) א בעקאנטער לאדזער כלל-טוער גיט אונז איבער א כאראקטעריסטישען פאקט.

פאר א-יאהרען איז געשטארבען א יוד וועלכער האט איבערגעלאזט א פרוי מיט עטליכע קינדער. דער הויז-ווירט, וואו יענער פערשטארבענער האט בעוואוינט מיט זיין פאמיליע, האט דאן אנגעקלאגט די אלמנה אויף אנ'עקסמיסיע, אנגעבענדיג, זי איז א סובלאקאטארקע... אין געריכט האט די אלמנה ערקלערט, אז זי איז נישט קיין סובלאקאטארקע, נאר די פרוי פונ'ם פערשטארבענעם פון וועלכען זי האט געבוירען 4 קינדער. דעריוף האט זי געשטעלט עדות, אבער דאס עדות-זאגען האט גארנישט געהאלפען, ווייל לויט די פארגעשטעלטע דאקומענטען זענען די קינדער געמאלדען אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם פאטער, ד. ה. דעם לעקאטאר, און די אנגעקלאגטע איז, אזוי צוזאגען, נישט זייער מוטער. אויף דעם סמך האט דער הויז-ווירט ארויסגעקריגען אנ'עקסמיסיע אויף דער אלמנה, וועלכע האט מיט איהר פערשטארבענעם מאן נישט געהאט קיין חתונה-אקטען...

ערשט מענשען האבען זיך פעראינטערעסירט מיט'ן גורל פון דער פאמיליע; זיי האבען אינטערווענירט ביים הויז-ווירט, בעצאהלט איהם דעם חוב פון דירה-געלד און אזוי ארום איז אויסגעמיטען געווארען אנ'עקסמיסיע.

וויפיל דירות זענען אויסגעבויט געווארען אין לאדז

אין ערשטען קווארטאל פון 1928?

(ג) לויט א סטאטיסטיק דער שטאט-פערוואלטונג, האט מען אין יאהר 1927 אין לאדז אנגעהויבען בויען 318 הייזער, דערונטער 208 הייזער מיט וואוינונגס-לאקאלען. פון דער צאהל זענען פערענדיגט געווארען סך-הכל 279 בנינים דערונטער 151 וואוינונגס-הייזער מיט 961 דירות.

אין ערשטען קווארטאל פון 1928 האט מען אנגעהויבען צובויען 41 הייזער, פון וועלכע עס זענען שוין פארטיג צום וואוינען 211 דירות.

אין 1927 זענען אויסגעבויט געווארען 65 הייזער אין ערשטען קווארטאל 1928 — 8 הייזער.

—0—

ניקאלאי'ס פאלאץ איז געווען א נעסט

פון כאבאר, שווינדעל, גנבה און הולטאיסטווע.

ווייטערע קאפיטלען פון דעם טאג-בוך פון אננא ווירובאווא, דער צארינ'ס נאהנטסטע פריינדין

פון מ. א.

II.

א רינגעלע איז דער קיים.

די סקאנדאליעזע געשיכטע, וואס אננא ווירובאווא דערצעהלט וועגען קייזערליכען הויף און איהרע מעמוארען, שטעלט צונויף א לאנגע קייט, וואס האט גאר קיין סוף נישט. עס איז א רינגעלע פון דער קייט:

די דאזיגע סקאנדאליעזע געשיכטע האט נאך לאנג אלעמען אויפגערעגט. אנגעהויבען האט זיך דאס, זינט מען האט דעם קריגס-מיניסטער סוכאמלינאוו אויסגעשיקט. זיין געהילף צאלאוואצאוו איז דעם „הייליגען" נישט צום הארצען. ער איז סוכאמלינאוו'ס א מענש און פאר וואס יענער הייסט איהם. דערצו האבען דעקאמענדירט פאלוואנאוו נאכט פאוו און זיין חברה.

ווען מען האט ארויסגעטריבען סוכאמלינאוו'ן האט מען שטארק געטרעט דערויף, אז מען דארף איהם איבערגעבען צום געריכט. „מאמא" (צאר) איז געגען דעם. ער האט געזאגט:

— איך גלויב סוכאמלינאוו'ן; איך קען איהם. ער קען האבען א טעות. דאס יא, אבער פעלשען וועט ער נישט.

וועגען סוכאמלינאוו'ס פערראט האבען אבער אלע געהאלטען און אין שריפטען — בעזונדערס די גרויספירשטין מיליצא. דעם צאר האט דאס שטארק געערגערט. ער האט אלץ געוואלט אפ-שטעלען די זאך. און פלוצלונג אזא סקאנדאל!

וועגען דעם, וואס עס איז געשעהען, דערצעהלט דער פירשט אנדראניקאוו אזוי:

— ארויסגעטראגען האט מען גאנץ פיין; די צוגען האבען זיך צולאזט, נאך א זאג דער פירשט ס. — ווייזענדיג אויף סוכאמלינאוו'ס קרוב, דעם פאל-קאווניק ר. — אז ער איז מזכיר נשמות, אז ער טרינקט געשמאק אויף אמאל סוכאמלינאוו'ס מפלה...

פאלקאווניק ר. האט געענטפערט:

— דער גרויספירשט משנעי מיכא-אילאוויטש האט צוגעלאזט אז דעם צאר'ס מענאזשערן — די קשעסינסקאיא. אבער דאס האט איהם נישט געשטערט אנצוגרעדען דעם צאר, אז סוכאמלינאוו איז שולדיג אין דעם, וואס ער, — סער-גיי, האט געמאכט א כשר'ן מיליאנטשיק און טריפה געשעפטען מיט קריגס-מא-טעריאלען.

סערגעי'ס אנהענגער, דער פירשט ס. איז געווארען מלא רציחה פון די דאזיגע ווערטער, האט זיך גענומען הויצען; האט איהם דער פאלקאווניק נאכין רוהיג ער-קלערט, אז ער וועט דעם צאר צושטעלען א קאפיע פון דעם חשבון אויף דער מענאזשעריס האלסבאנד און דעם יארא-סלאווער גוט, וואס דער פירשט האט פאר איהר געקויפט.

ווער ווייס, מיט וואס די קריגעריי וואלט זיך געענדיגט, ווען מען שרא'ט מען וואלט זיך נישט אריינגעמישט.

ר. געשיכטע האט זיך צושפרייט גאנץ שנעל איבער'ן שטאט.

דעם פאלקאווניק ר. האט מען נעהמ-ען פאהרען ביין קאזוקאו. ער האט גע-פאנט אפשניידען פיל ערגער, אבער די גרעפין וו. האט זיך פאר איהם משתדל געווען.

דער „הייליגער" האט וועגען דעם געזאגט:

— איך האב שוין לאנג געזאגט דעם „פאפא": דיינע קרובים זענען גנבים.

וועגען דעם פאלקאווניק האט ער בע-מערקט:

— דער ראזוויגער געפעלט מיר נישט. ער איז נאך ערגער פון סוכאמלינאוו'ן. יענער איז דאך א פאלאמישער מענש און דער איז גלאט אזוי זיך א שווינדלער.

דער הייליגער איז געגלאט, ווי שטענ-דיג.

אי אהער, אי אהין.

א קלארע כאראקטעריסטיק וועגען א פויפ מיניסטער, וואס האט זיך געקאכט האלטען אין ניקאלאי'ס קאבינעט גיט אננא ווירובאווא אין איהר „טאג-בוך", רעדענדיג וועגען סיכאמלינאוו'ס שטעל-פערטרעטער. זי שרייבט:

געקלאגט האט מען מיר דערצעהלט א אינטערעסאנטע געשיכטע וועגען דעם נייעם קריגס-מיניסטער פאליוואנאוו.

מ. ליוואוו און די ליבעראלען בכלל, האלטען פאליוואנאוו'ן פאר זייער מענ-שען. גושקאוו האט געזאגט, אז פאלי-וואנאוו'ן האבען זיי ארויסגעדריקט, כדי צו שטעלען אויף די פיס דאס קראנקע מיניסטעריום.

דער פיהרער פון די שווארצע מאה'ני-קעם, דערבראווין האט זיך בערוהיגט:

— אויב איז אלץ ביי אונז און די העט, וויל דער קריגס-מיניסטער איז אונזערער.

האט מען איהם דאן איינגעלאדט: ס'מיינט, פאליוואנאוו איז דאך א קאנ-דידאט פון דער אקטיאבריסטישער פאר-טיי, במעט קאדעטיש געשטימט. דובראווין איז געווארען אויסער זיך פאר כעס; ער האט ארויסגעשלעפט דעם קריגס-מיניסטער'ס א בריוועל צו איהם. דארט שטעהט בפירוש געשריבען אזוי:

„איך בין איינער מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה. אבער צוליב איינערע אומשטענדען מאכט איך גליך, אז איך זאל ארויסגעהן אנ'אנ-בערגעטונגער און אנ'אנדער מתנגד."

מאכט דער „הייליגער" (ראספוטין):

— גאראנים ברענגט בילדער נאר שווארצען. ווען פאליוואנאוו זאל זיין אנ'אנ-טיסעמיטנגרישער פויער און נישט קענען שרייבען, וואלט ער געווען גאר שיע בריוועלעך נישט געשריבען. — אזעלכע גאראנים דארף מען טרייבען צו אלע רוחות. דערצו נאך א שווינדלער.

א חשבון פאר דער אייגענעם געוויסען.

שפילענדיג אזא גרויסע און אזא וויכ-טיגע ראלע אין קייזערליכען הויף און האבענדיג א דעה ארויסצוזאגען אין ארגאנעערצאציען מיניסטארען, האט זיך אננא ווירובאווא דאך נישט געפיהלט גליקליך; און עס זענען געווען מאמענ-טען, ווען זי האט אפגעגעבען א חשבון איהר אייגענעם געוויסען און דאן איז זי געקומען צום שלום, אז אחוץ דעם, וואס ס'איז אויף איהר גורל אויסגעפא-לען צו זיין די נאהנטסטע פריינדין פון דער צארין און פונ'ם צאר, האט זי גאר איהר לעבען פערשפילט.

זי שרייבט:

מיין שוועכטער מאגיע און נעלטען געווען אין א שלעכטער שטימונג. איהר מאן — ערזקאווויטש — פארט צום א לינקע לעבע מיט א דיימשע. מאגיע זאגט, אז איהר ארט דאס נישט. עס רעגט זיך נאר אזוי. איך זעה, אז איהר ארט דאס דווקא גאר שטארק. אמת, זי איז נישט קיין קליין מיידעלע; זי פער-לירט נישט אומזיסט איהרע טעג. אבער בעת איהר איז דאס אנדערש. זי געזעגנט, אז זי האט א פאמיליע, קינדער. ער איז אבער אזוי בעגייסטערט פאר זיין דיימשקע, אז ער קאן זיך גאר פער-געסען אן אלעם...

איך וואלט זיך מיט איהם דורכשמועסען; געבען איהם צו פערשטעהן, אז מיר זענען אלע פערביטערט נישט נאר מיט פאמיליען אינטערעסען, נאר מיט עפיס ווילסטעגערעס — נעמליך, דעם שמאלם אינטערעסען. מיר דינען אלע רוס-לאנד. זי, זיין געליבטע, איז א פרעמדע. זי קאן ווערען געפעהרליך. איהר, דער שוועסטער, וואלט איך גארנישט זאגען. א רחמנות אויף איהר. זי ליידט דאך.

נאט גרויסער, זאג, וואו זענען די גליקליכע מענשען. וואו — די גליקליכע פארלעך? וואו איז די גרויסע ליבע? אזוי לאנג ווי עס ברענט נאך האט פייער פון ליידענשאפט. איז נאך פאראדיז א רעמונג. און דערנאך? א ווערהאבע, א גוטער שמערץ, שמערצען ביז טרעהרען.

מאגיע פרעגט מיך:

— וואס שרייבסטו — וועגען פער-זענליכע זאכען אדער פאליטישע זאכען?

איך ענטפער: — וועגען אלעמען.

און דער אמת'ן וואס איך אליין גוט, וואס און צו וואס איך שרייב. ביי מיר האט זיך אלץ צומישט — און סאפ און לעבען. שוין מעהר ווי נייו יאהר זינט איך פערזענליכע און מיין לעבען, דאס מיינינגע און געווארען מלכה איינגענומען. אלץ, אלץ האבען זיי ביי מיר צוגענומען. איך בין נים איך, נאר דעם שטאט'ס דינסט. „מאמא" (צארין) האט ביי מיר צוגענומען אלץ און אפשר נישט אומ-זיסט, ווי „פאפא" (צאר)...

אמגנאנעצען אנ'אנדערע פון איך גע-ווען, ווען איך האב זיך נאך נישט איינ-געשפאנט אין יאך פון צארען. איך האב ליב געהאט ליטערערשאפטליך און מיך האט מען אויך אויפריכטיג ליב געהאט.

איך האב געטרוימט פיהרען א גליקלי-כען פאמיליען לעבען, האבען קינדער... אך, ווי איך האב ליב קינדער! און אויס געדרעהט האט זיך אלץ גאר אנדערש. מען האט מיך געהייסען חתונה האבען מיט ווירובאוו'ן. ער האט מיך גערארפט האבען אויף כפרות. מיר איז ער געווען פרעמד. מיר ביידע זענען געווען א שפילצייג ביי זיי — די קיסרים — און דער האנד. זיי האבען אונז גערא-פט האבען צרות זיך האבען זיי אזוי משדך געווען. ער האט געהאט א בעליידיגטע, און ביי זיי געווען און אנ'אנדערען פערליבט.

וועמען ערט דאס? מען האט אפגער-סען פון אונזערע נאהנטע, כדי זיי — די קיסרים — זאל זיין בעקוועמער.

בעגעגענען איך צופעליג מיין געליבטען (ארלאוו'ן). א גוטע נאמע אריסטוקראט. ליב-טיג איז געווארען אויפ'ן הארצען — קומט צו געהן די צארין און נעמט איהם צו, און אפשר איז ער אליין אוועקגעגאנ-גען צו איהר... פאר מיר און די אויגען האט ער איהר אפגעגעבען אלץ און זי האט דאס גענומען רוהיג, ווי עס פאסט פאר א קעניגין, נישט זעהענדיג, נישט פיהלענדיג מיינע ליידען און פון דער מאלט אן געהט שוין אלץ אין מיין לע-בען אויף דעם דאזיגען אויסגעטראטענעם וועג. וואו איז דאס פערזענליכע אין מיין לעבען, וועגען וועלכען עס זאל זיך לוינען צו שרייבען? מאמענטאלע איבערלעבונגען, א קוש און — פער-געסען. ווער דארף מיינע פערזענליכע געפיהלען? קיינער נישט.

אין דערינען בלייבען מיינע „טאג-בוך"

(ענדע—זייט 6)

אין די שטאטישע פארקען וועלען זיך איצט געפינען פערשטארקטע פאליציי-פאטרולן.

אויך דאס שול-קוראטאריום האט דארט פערשטארקט די השגחה איבער די שילער.

ערפאלגרייכע אינטערווענץ פון „לאדזשער טאגעבלאט" א סוף צו מאכען צו די כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען.

צו די מעשים תעתועים און די שטאטישע פארקען וועט איצט קומען א סוף. די רעדאקציע פון „לאדזשער טאגעבלאט" האט דורכגעפירט פערפאלגרייכע אינטערווענץ ביי די מאסגעבנדע מאכטן. פאקטארען און אלע מיטלען זענען שוין אנגעווענדעט געווארן, אז די אנפאלען פון די כוליגאנען אויף די פרידליך-שפאצירענדע יודען זאלן זיך מער נישט איבער'חזר'ן.

שוין יעצט וואך האבען מיר, ווי עס איז אויף דעם פלאץ געווען געמעלדעט, זיך געווענדעט צום פרעזידיום פון מאגי-סטראט, אינטערווענירט אויף דער גויס-ווערטשאפט צו פערשטארקען די שמירה אין די שטאטישע פארקען, ווייל עס זענען געווארען א סך מאל פאר יודען ראדיקאלע [illegible] פון פראווער לאגע. עס האט זיך צוגער ארויסגעוויזען, אז דאס איז נישט געווען נעבאך באצייגען שבת האבען זיך ווידער אנגעהאלטען די אנפאלען אין אזוי יודישער יונגערמאן איז פלוצים צואלעמישט געווארען.

מחמת דעם האבען מיר נעלסטען רעד ליגנירט א טימאגראמע פון „לאדזשער טאגעבלאט" אין דער זעלבער וואך פון פערשיעדענע אינטערווענציע פון דער ווארשעווער אטעליגאט דער ד"ר פישלעפיזי האט זיך מיט דער נייעם מער אויפמערקזאמקייט געצייגן צו די אינפארמאציעס פון אונזער רעדע נאך און האט וואר־ים צוגעזאגט, אז די האר ווארטעשאפט וועט מען זעען, פרי די פערווערטנמערט פאראלען זאלען מעהר נישט געשעהן. גלייכצייטיג האט ה' ד"ר פישלעפיזי פארנעלעגט אונזער מיטארבייטער, ער זאל גלייך מכח דער זעלבער אנגעלעגענהייט בעזוכען דעם שטאט-סטארא ה' קישקעוויטשי, מיט וועלכען ער האט זיך פערשטענדיגט טעלעפאניש.

אויף דער שטאט-סטאראסטע ה' מישקעוויטשי האט מיט פולער אנערקענונג אויפגענומען דעם פערטרעטער פון „לאדזשער טאגעבלאט" און געזאגט אונזער דעם יודישער עפענטליכקייט, אז די שטאט סטאראסטע האט שוין אויפן גרונד פון אונזערע אינפארמאציעס, פארגיכטיגען א פערארדנונג ערגעבען צו פערשטארקען אין די שטאטישע פארקען די פאליציי-פאטרולען און אנצוגעבען אלע מיטלען, צו פערהאלטען די אויספאלען פון די אנפאלען אויף יודען, אויב אזעלכע זאלען וויטער געשעהן.

גלייכצייטיג האט זיך דער שטאט-סטאראסטע געווענדט מיט א נ'אויפפאדערונג צום לאדזשער שול-קוראטאריום עס זאל זיך אויך פון זיין זייט דעם זעלבען טאן, ווייל די שילער פון די [illegible] און די פארקען, וואס זאל האבען א שטרענגע השגחה איבער די יונגע שפאצירענדע שילער.

דער שטאט-סטאראסטע האט געזען פאר דעם „לאדזשער טאגעבלאט", אז די כאלט האט אנגענומען די שטרענגסטע מיטלען, כדי אזעלכע פאר פאלן זאלען זיך נישט איבער'חזר'ן. די תלמידים ווערען געוואהרנט פון די יונגע לאנגען און די שטאטישע פארקען זאלען בשום אופן נישט זיין קיין אב-שרעקונגס-ארט פאר די יודישע שפאצירענדע.

ערמארדעט און בערויבט א מילך-הענדלער.

(—) אויף דער נאכט פון 12. אויף'ן 13. ד. ח. איז אויף'ן שאסיי, וואס פירט פון ווארשא קיין בזשעזשין נעבן זשעראלאוו, געווען באפאלען, ערמארדעט און בערויבט א מילך-הענדלער, וואס איז געפאהרען פון שאס.

ווי די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, איז דער נאמען פון ערמארדעטן קאזימיר זשילקא, א באקאנטער אומשטענדיג, א מילך-הענדלער. ער האט זיך אומגעקערט פון מארק אין לאדזש און וואלט געהאט צוריק צו פאהרען אהיים. די רוצחים האבען אים בערויבט און ערמארדעט. ווען מען האט אים געפונען, איז אויך זיין וואגן פון דעם מארד נאך געשטאנען נעבן אים. די פאליציי פארשט פון א פערברעכער-באנדע.

ברויט וועט זיין און דוקא צו ביליגע פרייזען.

די בעקערס וועלען באקען ברויט בלויז פון מלוכה-מעהל.

(§) אין שייכות מיט'ן ביישלוס פון די קרומטאלניע און יודישע בעקער, נישט צו באקען קיין געמישטס צווייטע ברויט, האט דער מאגיסטראט האט באשטימט דעם פרייז פון א קילא ברויט אויף 70 גר. האט זיך געלעגענהייט פון די בעקערס פארשטעלט דעם מאגיסטראט. דער קאלעגאציע האט לאגעט צו מאגיסטראט שיקען, אז דער מאגיסטראט האט איצט גרעסערע ערואונגען, מלוכה-מעהל און דעם נישט פאר פרייז זאל געבען פון 70 גר. א קילא.

די דעלעגאציע האט זיך ערקלערט, אז פון בעקערמייסטער מאגיסטראט-מעהל וועלען זיי אויסבאקן ברויט צום פרייז פון 70 גר. א קילא, האגענען פון פראווינץ מעהל, פאר וועלכען מען צאהלט 78 גר. פאר א קילא, וועלען זיי קיין ברויט נישט באקען.

יודיש טעאטער אין זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטש 20 —

גאסטראלען פון דער בעריהמטער סוברעטין פון אמעריקא

בעטי קעניג

היינט, דינסטאג, דעם 15-טען מאי ד. י., 9 א זייגער אוונד

גרויסע פאפולערע פארשטעלונג!

פון 1 זל. ביז 2.50 זל.

סיבירער חתונה

אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון מ. בליוונער.

הויפטראל שפילט—בעטי קעניג. רעזשיסירט פון מ. בליוונער.

כ'נעמען אנטייל: פרל בעזשאן, זעמ-יטא, מאלארעוסקא, פארדמאן, ה"ה: אריעל, איזענבערג, בירנבוים, באלבירסקי, העמפעלער, מאלארעווסקי, נאמיוז, פאלינאבסקי, צחליך.

טענץ איינשטודירט פון טאנץ-מייסטער ב. לייבאוויטש.

געזעצטעס-פיהרער בעזמאן. כיהנע-ליטער: מאלארעווסקי. מוזיק. לייטונג ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

היינט לעצטער טאג פון אפגעבען רעזערווען אויפ'ן אומזאץ-שטייער.

(—) היינט דעם 15. מאי איז דער לעצטער טערמין אויף אפגעבען רעקלאמאציעס פון אומזאץ-שטייער.

פון דער קונסט-גאלעריע.

זאט די באליגער פון בעקאנטע ירושלים'ער מאלער בן ציון צוקערמאן, וועלכע איז אין דער קונסט-גאלעריע (אין שענקעוויטש-פארק) אויך אויסגעשטעלט די טעמאלאפטאניקאלישע ארבייטען פון לאדזשער קינסטלער מ. ברוק וועלכע האבען א גרויסען ערפאלג. אויס פאתרלויבער וועגען דער אויסשטעלונג וועלען מחר נאך שרייבען.

ליכט-פאבריק „POLO"

אינהאבער: פראנציזשעק האחליפשעק

ווארשא, משעדניאפאלסקא 208

טעל. 47-57

האט ערעפנט די פערטרעטונגען לאדזש

אויף לאדז און אומגעגענד ה'

Stanisław Kubiak

ŁÓDŹ,

ul. Przejazd 4, tel. 7-46

ארטיסטישער רעזי און קאמער-טעאטער

„ארט"

אונטער דער לייטונג: מ. בראדערזאן

היינט, דינסטאג

1 פארשטעלונג

אנהויב 9.30 אוונט

וויעדערהאלונג פון 6 פראגראם 2 א.

שושנת יעקב

1) א דעלעגאט פון רוימאוויטש	7) שושנת יעקב
2) פדי-זמרים	8) אוי עבעם
3) מכיר פון לימע	9) רעד גורניק
4) גנבים	10) מאנץ (פאפועט ה'ער יבי)
5) בדווי מיחל	11) יענקעל דור'ה
6) הצלחה חאלדא!	

הנהלה-בילעטען גילטיג מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך, דאנערשט.

די קאסע איז אפען טעגליך פון 6 אוונט שבת פון 1 30 נאכמ.

שעדליכע פראדוקטען.

דער מלוכה'שער אגשטאלט פאר פרובען לעבענסמיטלען האט אונטערזוכט דעם גענומענעם פאפט, אז די לאנגע פון די צוקערלעך פון בין-פרין באליון אל. קאהאנדרעסקא 18, די לאגערס פון פראנציא קאנבוים קרומשא 13 און די מעלד פון הערמאן לערניא האנט 10 זענען שעדליך פאר'ן געזונט. די דער מאגיסטע פערוואבען וועלען אנגעפלאגט און געשטראפט.

רעוואלווער-שאס אויף אלט-שטאט אין גייענג נאך א גנב.

(ג) אויף עק פעוטשעוועלשט און שרדל נאבאר'ס געס האט א קרימינאלער סוחר באמערקט אויף א וואגען א פאר שפעלער בחורות א דרעוויסטער גנב האט זיך צואגערינען און ראפטום אגם לאפען מיט א פעקעל סחורה. דער סוחר האט דאס באמערקט און איז נאכ-לאפען דער געהילפשאפט פון א רעוואלווער אונטער דער לאגע. דער גנב האט זיך ווארט-פען, אויסגעשטעלט די גנבה און איז נעלם געווארען.

טעקסטיל-ארבייטער געקינדיגט דעם ארביטראזש-אפמאך.

(:) דער קלאסען-פערבאנד און דער „בראנצע" האבען דער פעריגער צוגעשיקט א בריוו צום אינדוסטריעלער-פערבאנד, און וועלכען דער ארביטראזש'ס אפמאך ווערט געקינדיגט און פערלירט זיין גילטיגקייט דעם 80 מאי. אין דעם בריוו ווערט געפאדערט צו פערפאסען א נעמלעכען סאציאלען, פאר צוזאמענ-צורופן די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען.

אנפאל אין פאניאטאווסקי-פארק אויף א וועכטער.

(§) דער וועכטער פון פאניאטאווסקי-פארק פראנציזשעק קשישטאפסקי האט באמערקט ווי צוויי פארשוינען אין קלאר ווייסטערסעם א יונג בוימעל. ער האט זיי אויפגעפאדערט צו פערלאזען דעם פארק אויף וואס די לעצטע האבען גענומען אים מיט וואלטערען. ווערענטווער, אז ער וועט זיך צו אים נישט צוטשעפען, האבען דער וועכטער געצויגען זיך צו באקומען. ווען ער וועט א סקאנדאל אויף חולה די אוברינגע וועכטער, דא האבען זיי די אגענטן איינער מיט פאלטשער אויסגערופען אין אים שוועד פערוואונדעט דעם קאפ און די אויגען און זענען אנטלאפען.

דאנערשטאג קומט פאר א זיצונג פון קהלה-ראט.

אונצופרידעני צו דער פערוואלטונג ווידער אויפ'ן סדר-היום.

(ג) סטאראסטער ש. פרוינער, דער פרעזעס פון לאדזשער קהלה-ראט, האט די פאריגע וואך זיך געוואנדט צום קהלה פרעזעס ה' מינצבערג וועגען צוצושטעלען אויפ'ן מאגיסטראט פאר א פלענום פון קהלה-ראט. פרעזעס מינצבערג האט אפשר קיין מאטעריאל נישט צוגעשטעלט. צוליב דעם האט ער ווייטער נעלטען ווידער אמאל זיך געווענדט מיט דער זעלבער אויפפאדערונג. פרעזעס מגג, פרוינער האט מיט אויפרעגונג ווענען דער בעדיגונג פון קהלה-פערוואלטונג צום קהלה-ראט און עם און אנשטענדיג אויסצושיקען צו פיעני ווירוראלן און מא-טעריאל. פאר דער פרעזעס — האט דער קהלה פרעזעס ש. מאטעריאל און פאר'ן קהלה-ראט און דאס נישט. פרעזעס פרוינער האט פעראנטווארטליך נאך אויף דינסטאג גע דאנערשטאג צוזאמען א ראט-זיצונג אויף דעם ערשטען פונקט פון טאגעס-ארדנונג וועט זיך געפינען די פראגע פון דער פארגאנגער ראט-זיצונג, דריטע: אונצופרידעני דער קהלה פערוואלטונג. א.ש.

רשימה פון איבערגעשאצטע שטייער-צאהלער

צוגעשטעלט דעם פרעזעס מאהארניצקי.

(ג) געשטעלט האט א דעלעגאציע פון צענטראלען סוחרים און פאבריקאנטען-פערבאנד (פערטרעטער 10) און די פערטרעטער פון פרעזעס אוויזשער, רעד. ע. האמפעסקי, דיר. מ. ארבאר און י. מ. מארגאליס ביזוכט דעם פרעזעס פון פינאנץ-קאמער, ה' מאהארניצקי און אים פערגעשטעלט אנ'אויספיהרליכע רשימה פון סוחרים, וועלכע זענען ביי די לעצטע שאצונגען פון אומזאץ-שטייער פאר'ן יאהר 1927 שטארק בעשוועלט געווארען. די ליסטע פון א בערגעשאצטע סוחרים און געשטאנען געווארען אויף א רייכען מאטעריאל, וואס גיט א קלאר וועגען די פראקטישע אומזאצען פון די בע'עולה'טע סוחרים.

נאך אנ'אויספיהרליכען רעפעראט פון פרעזעס אוויזשער וועגען דער שווערער לאגע פון לאדזשער סוחרים, האט ער מיט קלארע ציפערן ערקלערט, דאס שלעכטע בילד פון האנדעל ביי די יודישע סוחרים אלע אויבערקע מיטגלידער פון דער דעלעגאציע.

פרעזעס מאהארניצקי האט דערויף צוגעזאגט, אז די פארשטעלונג ליסטע פון בע'עולה'טע סוחרים, וועט געווענדט ווערען אין אכט. דערבאי וועט ער, דער פרעזעס נאכא האבען השגחה אויף דער ערלעדיגונג פון אלע אנגעלעגענהייטן.

בנוגע די ליסטע פון די אוזשער-שטאט מיט וועט דערפאר פון ערשטן-גרופ וועגען, וועט פרעזעס מאהארניצקי פער ארדנען, אז די שטייער'ס עקזעקוציעס זאלען אויפגעהאלטען ווערען.

בעת דער געלעגענהייט האט פרעזעס מאהארניצקי זיך געוואנדט צו דער דעלעגאציע מיט דער בעטע, אז דער צענטראל-פערבאנד זאל פערצייכענען די לאנגע ליסטע פון די אלע איבערגעשאצטע און אנצייגען די שטייערן, וועלכע מען האט צו זיין זייט, וואס דער פרעזעס וועט זיך אויפנעמען און זיי צו ערלעדיגען.

עס איז דער ערשטער צו האפן, אז די פראבלעם האבען צוגעשטעלט בעשטימען פון דער אונגעריטער שוואכער, וועלכען נעכטען זיי וועלען אנגעלעגט ווערען, ווייל די פינאנצ-מיניסטעריום. ווי מען זאגט, איז דעם עניין זעהר ערנסט.

פון די יודישע גימנאזיעס.

ווי מען פערטיילט אונז מיט האט זיך אנגעהויבען דאס איינשרייבען פון נייע שילער און שילערינס אין די גימנאזיעס פון פאראיין פון יודישע מיטעלשולען אין לאדז. שילער דארפען זיך פערשרייבען אין דער ערשטער מענער-גימנאזיע, מאניסטערסקא 21 אדער אין דער צווייטער מענער-גימנאזיע, מאניטסיראסקא 22, שילערינס אין דער פרויען-גימנאזיע, פיראמשאוויטש 7. דארפען הערען אויך אנגענומען קינדער פון בעידע געשלעכטער פון 5 א האלב יאהר אן אין דער אונטערשטער פארבערייטונגס-קלאס 0א. די עקזאמענס וועלען זיך אנהויבען דעם 20-טען מאי.

אין שטורם פון לײדענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטורמענדע איבערלעבונגען און ליבעס-אבאנטורעס.

(30-טע פארטזעצונג)

פון דער ווייטענס האט זיך פערזוכען דעם נאטשאלניקס הויכען פיטער.

מאקנעל האט איהם באלד דערקענט נאך זיינע שטאלצע, זיכערע טריט. ער זיך איהם ענטקעגענגעגאנגען.

— מיר וועלען מאכען א וויזיט אין טראקטיר — האט רידער געזאגט — קומט מאקנעל!

זיי זענען אריבער די ברעטער גאס און צוגעגאנגען צו דער גלעזערנער טיר פון טראקטיר.

רידער האט זי אויפגעעפענט.

א געדיכטער רויך פון טאבאק האט אנגעפיהלט דעם גאנצען ציממער אויף אזוי פיל, אז די טישען מיט די מענשען ארום זיי זענען געווען בעדעקט ווי מיט א נעבעל. דער געוויסע איז געווען אנ'אנערטרעגליכער.

נאר דאס האט רידער'ן נישט אפגעהאלטען און בעגלייט פון מאקנעל'ן איז ער אריינגעגאנגען.

ביי איין טיש האט מען געזונגען, ביים צווייטען האט מען געשפילט אין קארטען, דא איז געזעסען א קאמפאניע שווארצע קויהלען-טרעגער, מען האט געטרונקען און געלאכט. דארט האט מען אין גרויסע געשפילט אין קארטען.

דער דיקער ווירט פון טראקטיר מיט זיין טאכטער זענען געזעסען שטארק בעשעפטיגט, זיי האבען דערלאנגט ראם, ביער און בראנפען.

רידער האט שנעל בעמערקט אז אין צימער נישט קיין פערנומען טישעל. ער מיט מאקנעל זענען צוגעגאנגען און זיך געזעצט.

רידער האט בעשטעלט ביער. ווען צו האבען עטעס אויף'ן טיש.

מאקנעל האט זיך ארויסגערוקט.

קיינער האט די פרישע געסט נישט בעמערקט. מען האט ווייטער געזונגען, געשפילט אין קארטען און געשריגען.

דער טראקטיר פון „שווארצען מאלפיס" איז געווען א געלד-קוואל אזוי פיל געלד פלעגט מען דא פערטרינקען.

ארום די טישען, וואו ס'זענען געזעסען די קויהלען-טרעגערס, האבען זיך צוגע פרויען אנגעהויבען צו קריגען. ס'איז געווארען א שרעקליך געשריי, אז דער ווירט איז זיך געקומען איינמישען.

מאקנעל האט אנגעהויבען צו בעטראכטען א טיש, וואו ס'האט זיך געפיהרט א פרעהליך געשפרעך. איינער פון די ארבייטער האט זיך אויפגעשטעלט און זיין קעלנער האט איהם אנגעהאלטען. נאר ער האט זיך אויפגעריסען און אוועקגעגאנגען.

— גערי — האט איינער פון די קויהלען-טרעגער געשריגען — מיר וועלען נאך טרינקען, די וועסט נישט ארים וועלען פון די עסליכע גלעזלעך.

נאר גערי האט נישט געהערט און איז ארויס פון טראקטיר.

די איבעריגע האבען געלאכט, בעגלייטענדיג איהם מיט די אויגען.

— ער איז אנגעשטאפט מיט געלד — האט איינער געזאגט.

— פון וואנען האט ער אזוי פיל געלד? — האט דער צווייטער געפרעגט—מיר איז שטענדיג לעדיג.

— יעצט האט ביי איהם געלד קען ווערען גישט! — האט דער דריטער געזאגט. מאקנעל האט אנגעשטעלט די אויערן און איז פערזיכטיג צוגעבויגען צום טיש, ער זאל בעסער קענען הערען.

— ער האט געקריגען א ירושה, דושים! — האט דער פירטער גערופען — די ביסט דאך זיין גוטער פריינד, דושים, דערפאר דאך פיטען — האט נאך איינער געזאגט.

— גערי קען פערלעבען היינט געלד ער וויל — האט דושים ענדליך ערקלערט — ער פערדינט א סך!

— זיין טעגליך פערדינסט איז דאך נישט גרעסער פון אונזערע — האבען אנדערע בעמערקט.

דושים האט זיך פערנאנדערגעלאכט.

— דאס טעגליכע פערדינסט — האט ער געענטפערט — איז אבער איהם גארנישט!

די נייגעריגקייט ביי דער קאמפאניע איז שטארקער געווארען. יעצט איז שוין מאקנעל געהנטער צוגעגאנגען און רידער האט איהר אויך צוגעקוקט און צוגעהערט.

— אוי! פון וואנען דען נעמט ער דאס געלד? — האבען אלע אויסגערופען.

— ביי איהם האלט זיך אויף א קינד — האט דושים געזאגט — און ער נעמט דערפאר פיל געלד.

— א קינד! דאס איז געווים עפעס א סוד!

— דאס ווייס איך נישט — האט דושים געזאגט — נאר איך ווייס, אז מיט'ן קינד איז עפעס א גאנצע געשיכטע.

— הלואי טרעפט מיר אזא גליק — האט איינער קויהלען-טרעגער געזאגט.

— אז איך וואלט וועלען, האב איך אויך געקענט דערצייהלען פערדינען עטליכע דאלאר — האט דושים געזאגט—נאר איך ווייס, אז מיט'ן קינד איז עפעס א גאנצע געשיכטע.

אין דער זעלבער מינוט האט איהם איינער אנגעשטויסען פאר דער האנט. דושים האט זיך פערוואונדערט אומגעקוקט.

א ג'אוסגעקליידעטער אירלענדער איז געשטאנען פון הינטען און האט צו איהם געשמייכלט — „אויף אמן וואר" — האט ער געזאגט.

דושים האט ענטקעגענדיג דעם אומבעקאנטען, זיך אויפגעשטעלט.

— דארפסט זיצן א פערזאן, וועלכער וויל מיט אייך רעדען — האט מאקנעל געזאגט — ער דארף האבען מענשען און צאהלט זעהר גוט.

דושים האט א קוק געטון אויף רידער'ן.

— ס'איז א נייער קויהלען-הענדלער? — האט ער געפרעגט.

— קומט — האט מאקנעל געזאגט, צוגעהענדיג מיט דושים'ן צו רידער'ס קליין טישעל.

— זעצט זיך!

דושים האט בעטראכט רידער'ן און זיך צו איהם א נייג געטון.

— איהר זענט א קויהלען-טרעגער? — האט רידער בעטראכטענד דושים'ן.

— יא, מיין הער, איך בין דושים סמיטען.

— איהר איז אבער קלוגער, וועלכער איז פריהער ארויסגעגאנגען? — האט מאקנעל געפרעגט.

דושים'ס שמורע אויגען האבען זיך פלוצלונג ענטצינדען. ער האט פערשטאנען, וואס זיי האבען געמיינט.

אויף זיין שווארצען געזיכט האט זיך בעוויזען א שמייכל און ער האט א שאקעל-געטון מיט'ן קאפ.

— דאס איז א נארישקייט, איך האב עס גע'חוזק'ט.

רידער, בעמערקענדיג זיין פארדעכטיגקייט, האט אנגעהויבען צו רעדען צו איהם.

(פארטזעצונג קומט)

וואָס איז זשורנאַליסטיק?

זויערווײַנ'ס אינטערעסאַנטער רעפעראַט אין פּראַג.—דער זשורנאַליסט מוז געפינען דעם וועג צום האַרץ פון לעזער.—די השפּעה פון דער ראַסע און סביבה.—די צייטונגען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַמעריקאַ.—זשורנאַליסטיק איז גיכער קונסט, ווי וויסענשאַפט.

אין פּראַג איז די טעג פאָרגעקומען די ערעפנונג פון א זשורנאַליסטן-שולע. צוליב דעם האָט דער טשעכאָסלאָוואַקישער בילדונגס-מיניסטער איינגעלאַדען אויף א רעפעראַט דעם רעדאַקטאָר פון פּאַריזער „מאַטען", ה' זויערווײַן, איינער פון די פּאָפּולערסטע און אָנגעזעהענסטע זשורנאַליסטן אין אייראָפּע. זיין רעפעראַט א. ד. ט. „צי איז זשורנאַליסטיק א וויסענשאַפט, קונסט, צי רוטינע" האָט אַרויסגערופן א שטאַרקע פּראַאינטערעסירונג אין אַלע טשעכאָסלאָוואַקישע זשורנאַליסטישע און קינסטלערישע קרייזן.

פון די זעהר אינטערעסאַנטע אויספיהרונגען איז געווען צו דרינגען, אז זשורנאַליסטיק איז נישט קיין וויסענשאַפט, נישט קיין קונסט, נישט קיין רוטין—און גלייכצייטיג צוביסלעך פון דעם אַלעם און נאָך עפּעס מעהר. ס'איז נישט קיין בעשטימטע וויסענשאַפט, ווי למשל, לאָגיק: ענציקלאָפּעדישע ידיעות פון פאַרשידענע וויסענשאַפטס-געביטען זיינען זעהר נויטיג, אָבער דאָס אַליין שאַפט נאָך נישט קיין גוטען זשורנאַליסט. זשורנאַליסטיק איז אויך נישט קיין קונסט, ווי מאַלעריי, א שטייגער, הגם אָהן פעהיגקייטען און חוש פאַר שעהנקייט קען זיך קיין זשורנאַליסט נישט באַגעהן. נאָך ווייניגער איז זשורנאַליסטיק רוטין, כאָטש ס'איז זעהר נויטיג טעכנישע אויסבילדונג און ערפאַהרונג.

זשורנאַליסטיק האָט קודם-כל שטעהן אין קאָנטאַקט מיט דער ווירקליכקייט. די פראַנצויזישע און ענגלישע עפענטליכע פּרעסע געהט שוין אַרויס איבער הונדערט יאָהר, אָבער טאַקע זיינען זיי ערשט געוואָרען צייטונגען פון יאָהר 1871, ווען די אַמעריקאַנער האָבען געשיקט אויס'ן מלחמה-פּלאַץ זייערע רעפּאָרטערען.

א זשורנאַליסט מוז קודם-כל זעהן און הערען, וואָס ס'קומט פאָר, נישט אַכטענדיג דערויף צי דאָס איז א גרויסע קאַטאַסטראָפע, צי א געוועהנליכער פאַרפאַל. ער מוז זיין גוט אינפאָרמירט, טעכניש אויסגעשולט און דערצו מוז ער געווינען דעם וועג צום האַרץ פון לעזער. א זשורנאַליסט מוז ווייסען וואָס להיענען אינטערעסאַנטע ליטעראַטור און גלייכצייטיג מוז ער פאַרמאָגען די פעהיגקייט אַקטועלען געהעריג אויפצוכאַפּען און אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען. זיינע באַאָבאַכטונגס-פעהיגקייטען מוזען כסדר בעגלייטען, כדי ער זאָל נישט ווערען פּערזענלעך. מיט דעם אָבער, ווען דער זשורנאַליסט הויבט זיך אָן צו לאַנגווייליגען—לאַנגווייליגט ער אויך אַנדערע. ס'איז אומבעדינגט נויטווענדיג דאָס בעוואוסטזיין פון דער פאָרגעשריטענער עוואָלוציע. מ'דאַרף דערקענען די פאַרגאַנגענהייט, כדי צו ערקלערען די געגענוואַרט. און מ'דאַרף תיכף פערגעסען אין דער פערגאַנגענהייט צוליב דער צוקונפט.

א זשורנאַליסט מוז באַנוצען די אָפּשאַצונגס-פעהיגקייטען און טאָר נישט האָבען צו שרייבען נאַרישקייטען. זיין הויפּט-פּרינציפּ דאַרף זיין קלאָרקייט און שנעלקייט. ער דאַרף זיך נישט פערלירען אין קלייניגקייטען. דער סטיל און דער אופן פון שרייבען איז אָפּהענגיג פון דער ראַסע, סביבה און פאָלק. בעטראַכטען דעם געגענזאַץ זשורנאַליסט קומט אויס צו אַרבייטען. אין אַמעריקא מוז דער זשורנאַליסט שרייבען הן פאַר דעם לעזער, וועלכער וויל אין פערלויף פון איינציגע מינוט דערגרייכען וועגען די וויכטיגסטע געשעהענישען אין דער וועלט, הן פאַר די לעזער, וועלכע לייענען איינציגע שעה צייטונגען. אין איטאַליען שרייבט מען אַרטיקלען פונקט ווי א רשימה פון די קאַפּיטלען פון א ווערק. אין פראַנקרייך לייענט מען צייטונגען אין גאַס, אין וויען און אין בערלין לייענט מען זיך בעקוועם אין די קאַפיהאַרניעס.

צום סוף קומט זויערווײַן צום אויספיהר, אז זשורנאַליסטיק איז גיכער קונסט, ווי וויסענשאַפט, הגם דאָס לעצטע און רוטין זיינען זעהר נוצליך פאַר יעדען זשורנאַליסט.

ניקאָלאַי'ס פּאַלאַץ איז געוועזן א נעסט פון כאַבאַר און שווינדעל.

(סוף פון זייט 4).

פּלאָטשלער. אונז וועל שטעמפּען; צערבור-לינער יאָהרען וועלען פאַרגעסען. דער, וואָס וועט לייענען מיינע נאָטיצען, וועט זעהן נישט מעהר — אַנאַ'ן, נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזעהן פאַר'ן שטאַט. ער וועט זיך נישט אינטערעסירען מיט מיר, נאָר מיט די קיסרים. איך ווייס אפילו נישט, צי ווענען מיינע מעמואַרען עמיצען נייטיג; אפשר קיינעם נישט, אפשר גאָר נישט נייטיג. איך שרייב וועגען די, וואָס רעגירען, אָבער וואָס פאַר א מוסר וועט מען זיך קאָנען אַראָפּנעמען פון די דאָזיגע נאָטיצען.

מאַטוניאַ דערציילט, אַז אין תוך שרייבען פּעטערסבורגער תוך ראַסטען זייערע מעמואַרען. צום ביישפּיל — ס. טיוטשעווא. וויכטיג גאָר וועט זי דאָס אַרויספיהרען אין איהרע מעמואַרען. זי האָט דאָך אונז געלעסען פריהער — בעזונדערס מיך און דעם „הייליגען" (ראַספּוטין). אינטערעסאַנט לייענען צו די קייזערליכע אויך רעדען, אַז זי האָט אפילו נישט קיין פּונקטער. זי האָט ליב מאַמאַ'ן (מאַטוניאַ דעם קיסר'ס מאַמען), ווייל „מאַמאַ" איז איהר פּראָטעקטאָר; אליקס'ן, מיין אייניקל, אַז זי האָט נישט ליב.

אינטערעסאַנט, צו וואָס שרייבט זי? וועמען האָט זי דערציילט און וואָס? מיך וועט נישט שאַטען זי זאָל שרייבען אַזעלכע שילדערונג וועגען, ס'מעג זיין גיפטיגע — נאָר אין דער וועלט אַריין. איך האָב מורא, אַז זי האָט דערציילט אַן'אַנדער מיין מאַרלען האָט מיר געגעבען אַן'אויסצוגע-רעכענישט, אַז זי וויל דעם „הייליגען" פאַרגיפטען. וואָס האָט זי צו איהם? כ'פאַרשטעה נישט.

און מאַרלען איז אויך א פונקטער פויגעל; זי מוט א זאַג: „איך בין אויך גרויס [illegible] דעם נאַרגעל צוצובינדען. נאָר עס זאָל דערפון דער צאַר נישט וויסען".

מאַרלען (א תוך ראַסטע) האָט רעכט; טיוטשעווא קאָן אויך נישט אויסטראָגען „מאַמאַ". אינטערעסאַנט אַרויסצוקריגען איהרע מעמואַרען און האַנדשריפט!

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE
Z pełnemi prawami gimnazjów państwowych
(Kategorja A)
Marji HOCHSTEINOWEJ
Wólczańska 23, tel. 14-27.
נייע שילערינס ווערען אַהנגעשריבען טעגליך פון 9 ביז 2 און פון 5 ביז 7 א זייגער אָוונד.

עלטערן!
פאַר 8 זלאָטעס א וואָך וועט אייער נעלערנט פון קינדער דאָס לערנען אין טעלקס-שולען: חומש רש"י, נ"ך משניות, גמרא יהדות היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע ברית וצלבבא צו פאַרשטעלען דורך'ן בעראַמטען טראַדיציאָנעלען לערער י. ד. ראָזענפעלד פּלאַץ וואָלנאַסקי 6 קאַמער [illegible]. רעלבאָס 2 שטאָק.
ס'ווערען אויך אנגענומען אינגענער פון 5 יאָהר. [illegible]

בית. בעקאַנטמאַכונג.
די פערוואַלטונג פון ישיבת סאַכאַטשאָוו „בית-אברהם" פּח לאָדז, פאַנסקאַ 1.
מאַכט בעקאַנט און מעט דאָס מיר אַרויסגעהמען געלד פון ביקסלעך, אויך בת נעבען אנדער געלד פאַר די ישיבה „בית-אברהם", זאָל זיך יעדער מענש אַליין אונטערשרייבען אויף דעם קוויט-ביכעל.
אויך מאַכען מיר בעקאַנט די געעהרטע עלטערן, אז לויט דער פערארדנונג פון דער שול-מאַכט דאַרפען די עלטערן, וועלכע ווילען דאָס זייערע קינדער זאָלען לערנען ביי אונז אין די ישיבה „בית-אברהם" זיי איינצושרייבען ביז דאָנערשטאַג, פ' נשא י"ב סיון ד. ה. ביז'ן 31-טען מאַי — ביז יעצטיגע תלמידים, ווי אויך די נייע תלמידים. מיר בעטען נישט צו פערשפּעטיגען דעם טערמין, ווייל אין געגענטייל דראָהט זיי זאָלען ווערען איינגעשריבען ח"ו אין די פאָלקס-שולע.
די קאַנצעלאַריע איז אָפען פון 8—1.
יום ב' במדבר כ"ד אייר פ"ח לאָדז.
די פערוואַלטונג.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
און צאָהן-ערצטליכער קאַבינעט
17 נאַרוטשער 17, טעל. 16-33.

נאָז-, האַלז, אויערען-קר.	פון 10-1 8—2 7—6	ד"ר ראַמאַווסקי
נערוועז-קראַנקהייטען	פון 12—2 א חוץ זונטאָג	ד"ר יוסטמאַן
הויט און גע-שלעכטס-קר.	11—10 און 1-2 נ.מ.	ד"ר רזשאַנער
קינדער-קראַנקהייטען	12—10 5—4	ד"ר ראָזענצווייג
פרויען- און געבורטס-הילף	1—12½ 6—5	ד"ר פּאַפּיערני
אינערע-קראַנקהייטען	2—1 8—7	ד"ר גאָלדשטיין-פאָלאַס
כירורגישע קראַנקהייטען	2—1 5—4	ד"ר סאַגאַל
אויגען, ספּעצ. חקירה, לונגען	1—11 7—6	ד"ר ווינבערג
רענטגען	10—12 4—6	ד"ר סטופּעל
צאָהן- און מויל-קראַנק.	9—3 9—3	צאָהן-אַרצט א. גראָזענסקי / צאָהן-אַרצט נ. ראָזעס

סינטעליטס העהענזאָנע-בעשטראַהלונג. מאַסאַזש-ספּעלע.
גם דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט
קאָמפּ - לאַמפּ, דיאַטערמיע און עלעקטריש-פיזישע קאַבינעט.
היזיטען אין דער שטאָט. — זאָגן אויך זונטאָג.
אַלע סאָרט ספּעציפישע אנאַליזען. — קורסען פאַר שוועסטער.
אימפּונגען געגען שאַרלאַכינע.

ערצטליך-קאָסמעטיש-קאַבינעט.
ד"ר. ם. מאַרקוס נעמט אָן פון 7-5 אָוונט.

לאַמפּען
פיר שפּייז-צימער סאַלאָן-קאַבינעט
שלאָף-צימער
קויפט זיך אַמביליגסטען אין פאַבריק-לאַגער בייַ

Sz. P. Szmalewicz
פאָלודניאָווא 8, טעל. 64-39.
ווערען אַנגענומען רעפּעראַציעס אומאַרבייטונגען, עקספּעדיציעס.

„פּראַגאַ" די נעיע, צו פערשפרייטען פרייז. ערב שב צחיטען יודישע פרויען און מעדלעך
לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 21, טעל. 67-15
מאַכט דערמיט בעקאַנט, אז ס'ווערען אַנגענומען אַנשרייבונגען אויף
1) צושנייד'ען, 2) וועש-נעהעריי 3) האַנד אַרבייט, 4) אַנדולאַציע און מאַניסור, 5) דאַמען-היט-אַרבייט 6) פּיין-בוכבינדערייי.
איינשרייבונגען ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון 9—1 און פון 3—7 אָוונד. 1859

פּענסיאָנאַט
„WYGODA"
פאַר יוגענדליכע און ערוואַקסענע
סטאַציע גלאָחנאַ - פאַלעניצע
ווילע פּאַביאַנסקי נעבען נאָוואָ-אָטוואָצק
[illegible] גרויסע זוניגע צימערן. כשר'ע, היגיעניש און גע-שמאַק עסן. העדליכע געגענד. קאָנקורענץ-פרייזען
40% ביליגער ווי איבעראַל!
בעמערקונג: בעטגעוואַנד איז נויטיג מיטצונעהמען.
אויסקינפט ערטיילט: [illegible], לאָדז, זאַוואַדזקאַ 23, און אויף דער גאַסע [illegible], ליאָנס, מאַרטער.

טליתים-פּאַבריק
אויסאַרבייטונג פון האַלבע, אַלבער האַלבע וואָלענע טליתים פון טערקיש, יעראָסלאַווער און קא[illegible] לאַפּסיער, ווי אויך טליתים-קטנים וואָרט און ד[illegible] סטיל, מיט אויספאַרטיגונג, אויך געסטרלען. ספּעציעל אויך ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל בייַ
א. ה. ציטרינאַווסקי
קאַמיענאַ 1. אין ב. פּויער, מאַרטער.
בעם.: ס'ווערען אויך אַנגענומען אַלע טליתים צו וואַשען.

שרייבען
עהן און שנעל
לערנט אויס דער בריווסטער
קאַלינראַט ל. בערמאַן
אין 15 לעקציעס. אויך ווערט געלערנט גוט א יודישען בריף דעם וואָס קען נעגעטיש. זאַוואַדזקאַ 19 פּר. 1 שט.

[illegible] שטיינער [illegible] 8 קיליגער 89 ת. פ
לעזט און אַבאָנירט — דאָס — „לאָדזער טאַגעבלאַט".

POLSKI BANK PRZEMYSŁOWY Sp. Akc.
we Lwowie
Oddział w Łodzi
Piotrkowska 29.
Przyjmuje wkłady i lokaty w złotych i obcych walutach, oraz załatwia wszelkie tranzakcje wchodzące w zakres bankowości na najkorzystniejszych warunkach. Wynajmuje schowki depozytowe.

אונזערע רעקלאַמע פּרייזען!
ספּאָרט און פאָלקס-שיך פון דער אויסאַר. „פּעפּעגע" פון 10.50-3.50

אויסלענדישע לוקסוס לייווענטע שיך פון 15—6
לעדערנע אויסלענדישע שיך פון 35 זל.
עמפּפעהלט:
J. WINDMAN,

Piotrkowska 35 tel. 12-23
אָפען פון 7—9 אָוונד אָהן אונטערברעכען.


פּאָדערט איבעראַל נאָר די פון פּעטענטירטע
פעלד-בעטען!
פּראָדוקטען פון דער פאַבריקס-מאַרקע
Palma-Patent
[illegible] פעלד-בעטען. נ"ש. איינצימערן אויף 2 יאָהר [illegible]
ניקעל-בעטען, ניקעל - קינדער - בעטען מעש-בעטען, אַמעריקאַנער, קינדער-וועגעלער, קינדער-בענקלעך אויף יעדער וואָס איך ווען בעדאַרף.
מאַטראַצען נעבעקער, [illegible] קאָנטראַסטיקער
קאַווערטען און מאַטראַצען
[illegible] 17 זל. [illegible] 14 זל.
[illegible] בעקאַנטמאַכונג
[illegible] דער ראַסדאַל. [illegible]
לאָדז, פּולנאָצנאַ 24. טעל. 13-63

אויפמערקזאַם!
ווער עס וויל אָפּקויפען אַן וווינונג 1 אָדער 2 צימער אויף א געשעפט פון גוטע שטאַט ביז צינזל-נאָס, אויסשליסליך פּראָגנ. אָפּערטען אונטער „G", אין „לאָדזער טאָגעבלאַט".

געגען בעלוינונג.
געהענדיג נעכטען פון גראַנד-האָטעל ביז בעגעל-גוסען האָב איך פערלוירען
א האַנד-זייגערל
דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אָפּצוגעבען געגען בעלוינונג צו בליווויס, זאַוואַדזקאַ 27.

בעקאַנטמאַכונג.
לויט דעם פערלאַנג פון ראַבינאַט מיט דעם ועד הכשרות האָבען מיר רעשוּר געגעבען דעם הכשר פון ראַבינאַט און מיר זיינען איצט אַזוי ווי אַלע לאָדזער וואורסטען-פאַבריקאַנטען.
פעראייניגטע פלייש.

גאַנץ לאָדז מוז וויסען!
אין פערלויף פון 2 טעג קאָן יעדער האָבען
עלעקטריש בעלויכטונג
איז שטוב אויף ראַטעס
אויסצוצאָהלען וועכענטליך פון 3 זל. און. אויף און פּאָטערען צו רעפּערירען, איבער-אַרבייטען לימבניקעס אויף גראַנימעשניקעס, פּראָזעקטען פון דער עלעקטראָנמינגע אַלעס ערלעדיגט פּינקטליך און רעעל. נאָר די קאָנצעסיאָנירטע פירמע האָט איז פערבונדען פאַר דער לאָדזער עלעקטראָפּיין
פ. לעווי, לאָדז קאָנסטאַנטינער 58
פּראָנט-געבוידע. עפענט פון 8 פריה ביז 11 נאַכט.
בעמ.: סערטשטונדען פון 2—3, 6—11 נאַכט. עלעקטרישע לאָמפּען און גאַז-טשאַקעס מיט 25% ביליגער פון פרייז-קוראַנט. מאַבריקען פּעקען א ספּעציעלען ראַבאַט מיט גוטע קאָנדיציעס

אשרי אדם שמע לי!
לשקד על דלתתי יום-יום
כי הולך בתום ילך בטח
און אז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדאַווע זאַכען זאָלסטו גלייך קומען צו לויטען אין ביוראָ
17 פּיעטריקאַווער 17
52 זאָכענדיגע 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען ביטעס לויזן אויספּאַהן, קאַרטע ספּראַוועס, קלאַגזאָכעס, ועבעבינעטשעניעס, אויף אַלע סעט און פּירעטן אַקסען, אינטערוועציעס, קאַפּגאַציעס, קאָלגע און ציוויליגע שותפות-אסטען, איבער-זעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
מיט אַכטונג
י. סאַנעלאַ רעכט-קאָנסולענט.

Dr. Ludwik Falk
ספּעציאַל-אַרצט
פאַר הויט- און געש עכטס-קראַנקהייטען
נאַוראָט 7, טעל. 28-07
נעהמט אָן פון 10 — 12 און פון 5 — 7 אָוונד

[illegible] אַבאָנעמענטס-פּרייז: [illegible] אַנאָנסען-פּרייז: [illegible] 60 גר., [illegible] 40 גר. [illegible] 24 ג. [illegible] 15 [illegible] 18 [illegible] 1.25 [illegible] 100% [illegible] 60% [illegible] 2.0 [illegible]

Redaktor-wydawca H. Hamburski
Tłocznia: H. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.